# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויגש

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

מכון
באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## ויגש

ותחי רוח יעקב אביהם - 'אמונה' איז נישט גענוג צו וויסן דערפון, נאָר מ'דאַרף אָטעמען דערמיט ............... א
כמה ימי שני חייך - אָננעמען און זיך פרייען מיט די הנהגת ה' ..................................................ב
ארד עמך מצרימה - דער אויבערשטער איז מיט אונז אין די טונקעלסטע מצב ....................................ג
מורא מקדש - די האַרבקייט פון רעדן אינמיטן דאַוועגען ................................................ יא

# ויגש

**ותחי רוח יעקב אביהם - 'אמונה' איז נישט גענוג צו וויסן דערפון, נאָר מ'דאַרף אָטעמען דערמיט**

**ויגידו** לו לאמר עוד יוסף חי וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים, ויפג לבו כי לא האמין להם. וידברו אליו את כל דברי יוסף אשר דיבר עליהם, וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אותו, ותחי רוח יעקב אביהם (מה, כז).

**זאָגט** רש"י: "ויפג לבו - נחלף לבו והלך מלהאמין". די האַרץ פון יעקב אבינו איז געוואָרן אָפּגעטוהן פון זייערע ווערטער, און ער האָט זיי נישט געקענט גלייבן אַז יוסף לעבט און איז אַ משנה למלך אין מצרים.

**מיר** געפינען אבער אין די ווערטער פון דער רמב"ן ז"ל אַביסל אַ אַנדערע פשט אויף די טייטש פון "ויפג". די רמב"ן טייטשט: "ויפג לבו", זיין האַרץ איז "בטל" געוואָרן, און זיין אָטעם האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט. די באַוועגונג פון זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ער איז געווען ווי אַ נפטר רח"ל.

**און** די רמב"ן איז עס מסביר: "וזה הענין ידוע בבוא השמחה פתאום", דאָס ענין איז באַקאַנט, אַז ווען עס קומט פלוצלינג שמחה אדער פרייד אויפ'ן מענטש דאַן פּאַסירט אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ. און אַזוי ווערט אויך דערמאַנט אין די מעדיצינישע ביכער, אַז די אַלטע און שוואַכע מענטשן קענען נישט אויסהאַלטן אַזאַ זאַך, און פילע פון זיי חלש'ן ווען עס קומט אויף זיי אַ שמחה אויף אַ פלוצלינגדיגן אופן. ווייל דאָס האַרץ ווערט אויסגעברייטערט און געעפענט פלוצלינג. און דאָס זאָגט דער פסוק 'ולא האמין להם' - ער האָט זיי גאָרנישט געענטפערט, עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט פון טאָג, און ער איז געלעגן שטיל, ווייל ער איז געפאַלן אַזוי ווי אַ טויטער ל"ע.

"מה עשו" - וואָס האָבן זיי געטוהן? זיי האָבן אַריינגעשריגן אין זיינע אויערן די ווערטער פון יוסף, און זיי האָבן אַפילו געברענגט פאַר איהם די וועגענער (וואָס יוסף האָט געשיקט). "אז שבה רוחו אליו, וחזרה נשימתו וחיה" - דעמאָלס איז זיין גייסט צוריקגעקומען צו איהם, און זיין אָטעם האָט זיך אומגעקערט, און ער האָט אויפגעלעבט. אויף דעם זאָגט דער פסוק: "ותחי רוח יעקב אביהם", עכ"ל הרמב"ן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, ווייל פון דעם קומט דאָך אויס, אַז יעקב האָט יאָ געגלייבט זייערע רייד, ווייל אויב ער וואָלט עס נישט געגלייבט, וואָלט ער דאָך נישט גע'חלש'ט. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק, "כי לא האמין להם"?

**ענטפערט** הגה"צ רבי יחזקאל לעווענשטיין זצ"ל, (משגיח פון דער פאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק), אַז יעקב אבינו ע"ה האָט אַוודאי געגלייבט וואָס די שבטים האָבן איהם דערציילט, אַז יוסף לעבט און איז אַ משנה למלך אין מצרים. ער האָט געוואוסט אַז וואָס זיי זאָגן איהם איז ריכטיג. נאָר דער פשט פון די וואָרט "אמונה" איז, אַז די ווערטער ווערן "אַריינגעזעצט" אין האַרץ פון מענטש, אָבער יעקב'ס האַרץ איז נישט געווען גענוג ברייט. ער האָט נישט געהאַט גענוג אַ גרויסן "כלי קיבול", צו קענען אָננעמען זייערע ווערטער. אויף דעם זאָגט דער פסוק "כי לא האמין להם". ערשט נאָך דעם ווי די שבטים האָבן איבערגעזאָגט די זעלבע ווערטער איינמאָל און נאָכאַמאָל, זענען זייערע רייד "אַריינגעגאַנגען", און זיך "באַזעצט" אין זיין האַרץ, און ער האָט אויפגעלעבט.

**פון** דעם לערנען מיר אַ לימוד אין דעם ענין פון אמונה. עס ווערט נישט גערופן "אמונה", אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָר סתם אַ "ידיעה", אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט. נאָר דעמאָלס ווען עס "באַזעצט" זיך אין מענטשן'ס האַרץ, ווערט עס אָנגערופן אמונה[א]. עס פאָדערט זיך אַ סאַך אַרבעט

**א.** די גמרא דערציילט (ברכות ה:) אַז ביי דעם אמורא רב הונא זענען זויער געוואָרן פיר הונדערט פעסלעך וויין, און זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז ער האָט דערפון געהאַט גאָר אַ גרויסן געלט שאָדן. זענען די חכמים געגאַנגען טרייסטן רב הונא'ן, און זיי האָבן איהם מעורר געווען ער זאָל איבערקלערן זיינע מעשים, צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער האָט פאַרדינט אַזאַ שטראָף פון הימל. האָט רב הונא געזוכט און געפינען עפּעס אַ "פגם" אין זיינע מעשים,

איינצוואוואָרצלען אין האַרצן אַז "אין עוד מלבדו"[ב], און אַז אַלעם וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט, איז אויסגערופן געוואָרן אין הימל. דורך דעם וואָס מ'חזרט דאָס איין, קען מען "לעבן" מיט די קלאָרע אנערקענונג, און דאָס איז דער גדר פון אמונה שלימה[ג].

**כמה ימי שני חייך - אָננעמען און זיך פרייען מיט די הנהגת ה'**

**ווייטער** אין דער סדרה (מז, ח-ט) לייענען מיר, "ויאמר פרעה אל יעקב, כמה ימי שני חייך". פרעה האָט געפרעגט יעקב אבינו ע"ה ווי אַלט ער איז, און יעקב האָט געענטפערט, "מעט ורעים היו ימי שני חיי ולא השיגו את ימי שני חיי אבותי בימי מגוריהם". ווייניג און נישט גוט זענען געווען מיינע טעג און זיי האבן נישט דערגרייכט די צאָל טעג און יאָרן פון מיינע עלטערן.

**זאָגט** דער מדרש (אגדת בראשית, פס"ב, מובא בדעת זקנים פרשתינו), אַז ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט די ווערטער "מעט ורעים היו", האָט דער אויבערשטער

---

און נאָך דעם ווי ער האָט פאַראַכטן דעם "פגם", האָט ער צוריק פאַרדינט זיין ווין (דאָס עסיג איז צוריק געוואָרן איבערגעדרייט צו ווין, אָדער עסיג איז געוואָרן טייערער, אַזוי ווי ווין).

און פון די גמרא, האָט דער "חזון איש" זצ"ל אַרויסגעלערנט (מובא בס' "מעשה איש", ח"א, ע' ר"פ) אַז די הייליגע חכמים האָבן נישט נאָר גערעדט פון אמונה, נאָר זיי האָבן "געלעבט", מיט אַ שטאַרקע אמונה, גלייך ווי זיי זעהען מיט זייערע אויגן די הנהגה פון דעם אויבערשטען. וועגן דעם, האָבן זיי נישט געפרעגט רב הונא ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, ווייל דאָס וואָלט אויסגעזעהן ווי דער מענטש קען פאַרמיידן אַ שאָדן, אויב ער וואָלט נישט געטוהן די זאַך וואָס האָט גורם געווען דעם שאָדן. דערפאַר האָבן זיי איהם נישט געפרעגט ווי אַזוי די זאַך האָט פּאַקטיש פּאַסירט, ווייל מיט זייער אמונה האָבן זיי געזעהן אַז דאָס איז נישט געקומען צוליב אַ סיבה, נאָר פון דעם באַשעפער וואָס טוט אַלעס. דערפאַר האָבן זיי איהם געפרעגט "פאַרוואָס" דער אויבערשטער האָט עס געטוהן, און האָבן פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל פאַררעכטן זיינע מעשים.

**ב.** אין אמת'ן, איז נישט גענוג נאָר צו רעדן וועגן אמונה, נאָר מ'דאַרף עס גוט איינוואָרצלען אין האַרץ, ביז עס ווערט ווי איינגעשלינגען אין בלוט פונעם מענטש.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט דערציילט, אַז ביי איינע פון זיינע באַזוכן אין ארץ ישראל, האָט ער געמאַכט אַ לאַנגען וועג קיין טבריא, וואו ער האָט באַגעגנט זיינס אַ שוואָגער, און געהערט פון איהם אַ וואָרט, ווי פאָלגענד:

ווען דער מענטש גרייט-אָן פאַר זיך אַ גלאָז קאַווע, לייגט ער דאָרט אַריין קאַפּע און צוקער. ער גיסט אַריין אין גלאָז הייס וואַסער, און דערנאָך גיסט ער אָן מילך. אָבער אויב ער וועט נישט "אויסמישן" אַלעס וואָס עס געפינט זיך אין גלאָז, וועט ער נישט קענען טרינקען די קאַווע... דאָס זעלבע איז מיט אמונה. מ'קען כסדר רעדן און רעדן וועגן אמונה, אָבער מ'קען נישט דערגרייכן דעם תכלית דערפון, נאָר אויב מען מישט עס אַריין אין האַרץ, אַז עס זאָל ווערן גוט איינגעקריצט דאָרט. מ'זאָל שטענדיג לעבן מיט די אמונה.

הערנדיג די ווערטער פון זיין שוואָגער, האָט דער "בית אברהם" געזאָגט, אַז ס'איז געווען כדאי דער גאַנצער טלטול הדרך, צו פאָרן אַזאַ לאַנגען שווערן וועג קיין טבריא, כדי צו הערן די ווערטער פון זיין שוואָגער.

**ג.** די גמרא זאָגט (מכות כד.) "בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה". דער פסוק איז מרמז, אַז אמונה איז דאָס לעבן פונעם מענטש. קען מען זאָגן, אַז פונקט ווי ביים לעבן פון אַ מענטש בגשמיות, איז זיין קערפּער אָנגעוויזן אויף זיין אָטעם. עסן און טרינקען דערהאַלט דעם מענטש ביים לעבן, אָבער עס איז גענוג צו עסן און טרינקען עטליכע מאָל אַ טאָג. אָבער דער אָטעם, פעלט אויס פאַר'ן מענטש יעדע מינוט. אויב ער זאָל אָטעמען נאָר עטליכע מאָל אין טאָג, וועט מען קענען אויסרופן וועגן איהם: "מאַכט פּלאַץ פאַר איהם אין גן עדן"... די זעלבע זאַך איז מיט אַ מענטש וואָס לעבט נישט אַלע 24 שעה אין מעת לעת מיט אַ פעסטע און קלאָרע אמונה אַז אַלעס ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען.

דער "יסוד העבודה" שרייבט (מכתב כה) אין נאָמען פון דעם צדיק רבי לייב פון דוקאָר נ"ע (אַ תלמיד מובהק פונעם מעזריטשער מגיד זי"ע): "דע בני, שמן אמונת השכל לאמונת הלב, רחוק יותר מאשר מן הארץ לשמים". וויסן זאָלסטו, מיין קינד, אַז פון גלייבן מיט'ן שכל ביז צו גלייבן מיט'ן האַרץ, איז ווייטער ווי פון דער ערד ביז צום הימל, ע"כ.

געזאָגט צו איהם: איך האָב דיך געראַטעוועט פון עשו און פון לבן. איך האָב דיר צוריקגעגעבן דינה און אויך יוסף, און דו באַקלאָגסט זיך אַז דיין לעבן איז געווען וויניג און נישט גוט. "חייך" - איך שווער ביי דיין לעבן, ווען מ'וועט ציילן די ווערטער פון "ויאמר" ביז "בימי מגוריהם", און וויפיל עס באַטרעפט די צאָל ווערטער, אַזויפיל וועלן פעלן פון דיינע יאָרן, פון די יאָרן פון דיין פאָטער יצחק (עס פעלן 33 ווערטער, און אַזוי פיל האָט יעקב געלעבט וויניגער ווי יצחק. יצחק האָט געלעבט 180 יאָר, און יעקב האָט געלעבט 147 יאָר).

**איז** שווער: די צאָל ווערטער פון "ויאמר יעקב אל פרעה" ביז "בימי מגוריהם", איז נאָר 25 ווערטער, און נישט 33 ווערטער. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען צוגענומען פון יעקב 33 יאָר, נישט 25?

**ענטפערט** דער גאון רבי חיים שמועלוויץ זצ"ל, (ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים), אַז מ'מוז זאָגן אַז מ'ציילט די ווערטער פון ערשטן וואָרט "ויאמר" ("ויאמר פרעה אל יעקב"), וואָס פון דאָרט זענען יאָ דאָ 33 ווערטער ביז "בימי מגוריהם".

**זאָגט** ער אַ טעם פאַרוואָס יעקב אבינו ע"ה איז געשטראָפט געוואָרן אויך פאַר די ווערטער פון פרעה'ס פראַגע צו איהם, ווייל לכאורה, דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט פרעה געפרעגט יעקב ווי אַלט ער איז? איז דער תירוץ, אַז פרעה האָט געזעהן אַז יעקב קומט אַריין איינגעבויגן, און זיין פנים דרוקט אויס צער און ווייטאָג. וועגן דעם האָט ער איהם געפרעגט "כמה ימי שני חייך" - ווי אַלט ביזטו, אַז דו זעהסט אויס אַזוי איינגעבויגן? וועגן דעם איז יעקב געשטראָפט געוואָרן אויך אויף די פראַגע פון פרעה ווי אַלט ער איז, וויבאַלד גייענדיג איינגעבויגן און אויסזעהענדיג פאַרווייטאָגט (אנשטאט צו דאנקען דעם אויבערשטען פאַר אַלע נסים און וואונדער וואָס ער האָט געטוהן מיט דיר, ווען ער האָט דיך געראַטעוועט פון אַלע צרות וואָס ווערן אויסגערעכנט אין מדרש) האָט יעקב גורם געווען אַז פרעה זאָל איהם פרעגן "כמה ימי שני חייך". כאָטש מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין די גרויסקייט פון יעקב אבינו ע"ה, דאַרפן מיר אָבער לערנען אַ לימוד וואָס איז נוגע פאַר אונז[ד].

### ארד עמך מצרימה - דער אויבערשטער איז מיט אונז אין די טונקעלסטע מצב

**ווייטער** אין דער סדרה (מו, ד) לערנען מיר, דער אויבערשטער זאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, "אנכי ארד עמך מצרימה, ואנכי אעלך גם עלה". איך וועל אַראָפּגיין מיט דיר קיין מצרים, און איך וועל דיך אַרויפברענגען פון דאָרט.

---

**ד.** פון דער צווייטער זייט, זאָגט דער גאון בעל "חתם סופר" זצ"ל (דרשות לח' טבת שנת תקפ"ח, פו:) פאַרקערט, אַז יעקב אבינו ע"ה איז געווען אויסגעצייכנט אין די מדה פון סבלנות, און טראָגן אַלע צרות און יסורים וואָס ער האָט געליטן, איז ער געווען פריש און געזונט, "לא כהתה עינו ולא נס ליחה". ערשט אויף דער עלטער האָט ער נישט גוט געזעהן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מח, י) "ועיני ישראל כבדו מזוקן, לא יוכל לראות". נישט אַזוי ווי יצחק, וואָס האָט פאַרלוירן דעם כח הראיה ווען ער איז אַלט געווען 122 יאָר, "על צער קטן, שהיו כלותיו מורות רוח ליצחק ולרבקה", צוליב אַ קליינעם ווייטאָג, וואָס זיינע שנירן (עשו'ס פרויען) זענען געווען ווידערשפעניג צו יצחק און רבקה.

ברענגט דער "חתם סופר" ווייטער, אַז דער מענטש וואָס עס גייט איהם גוט אין לעבן, זעהען איהם אויס אַלע זיינע יאָרן ווי וויניג טעג, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית כט, כ) "ויעבוד יעקב ברחל שבע שנים, ויהיו בעיניו כימים אחדים" וגו', אָבער דער מענטש וואָס לעבט אַדורך שווערע צייטן, זעהען אויס זיינע טעג ווי גאָר לאַנגע יאָרן.

לויט דעם, זאָגט דער "חתם סופר", אַז פרעה האָט זיך געוואונדערט אַז אַזאַ זקן מופלג ווי יעקב, זעהט אויס "כצאת השמש בגבורתו", ווי די זון ווען זי גייט אַרויס און שיינט אויף מיט אַ שטאַרקייט. וועגן דעם האָט פרעה געפרעגט יעקב ווי אַלט ער איז, און אויף דעם האָט יעקב געענטפערט, 130 יאָר. און כאָטש זיי זענען געווען שלעכט זענען זיי וויניג אין מיינע אויגן, און נישט אַ סאַך, ווייל איך האַלט אויס אַלעס מיט גוטן. "אמנם בעיני מעטים המה, כי אני שמח בעמלי", אָבער אין מיינע אויגן זענען זיי וויניג, ווייל איך פריי זיך מיט מיין האָרעוואַניע, עכ"ל.

אַלענפאַלס, ווי אַזוי מ'זאָל נישט טייטשן די פסוקים (ווי רבי חיים שמולעוויץ טייטשט עס, אָדער ווי דער "חתם סופר" לערנט עס אָפּ), לערנען מיר פון דעם, אַז דער מענטש איז מחויב אָנצונעמען אַלעס מיט ליבשאַפט און מיט סבלנות, און גלייבן אין הייליגן באַשעפער, "המנהג עולמו בחסד ובריותיו ברחמים". אויב דער מענטש געוואוינט זיך איין מיט די מדה פון סבלנות, איבערצוטראָגן אַלעס מיט אמונה און שמחה, וועט איהם שטענדיג זיין גוט אויף דער וועלט.

**זאָגט** דער "כלי יקר", עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס פירט זיין חבר אין טיפן וואַסער, און דער חבר האָט מורא אַראָפּצוגיין אין וואַסער, ווייל ער קען דערטרינקען ווערן ח"ו. וויל דער חבר נישט אַריינגיין אין וואַסער, ביז דער ערשטער וואָס פירט איהם, גייט נישט אַריין ערשט. דאָס זעלבע פאַרקערט, אַרויפגייענדיג פון וואַסער, וועט דער צווייטער נישט לאָזן דעם ערשטן אַרויפגיין פון וואַסער פאַר איהם, ווייל ער האָט דאָך מורא צו בלייבן אַליין אין וואַסער, גייט דער צווייטער אַרויף פריער פון וואַסער, און דער וואָס פירט איהם, גייט אַרויס פון וואַסער נאָך איהם.

**דער** נמשל איז, יעקב אבינו ע"ה האָט מורא געהאַט אַראָפּצונידערן קיין מצרים - אַן אָרט פון "חושך, ענן וערפל". וועגן דעם האָט דער אויבערשטער איהם געדאַרפט זאָגן "אנכי ארד עמך מצרימה". איך וועל אַראָפּנידערן כביכול קיין מצרים איידער דו וועסט אַראָפּגיין דאָרט, און אויך נאָך דעם ווי די אידן וועלן אַרויסגיין פון מצרים, וועלן זיי אַרויסגיין פריער, און שפּעטער וועט די שכינה הקדושה אַרויסגיין פון דאָרט מיט זיי.

**צוליב** דעם זאָגט דער פסוק ביים אַראָפּנידערן, "אנכי ארד עמך מצרימה", דער אויבערשטער כביכול וועט אַראָפּנידערן קיין מצרים פריער ווי יעקב, אָבער ביים אַרויפקומען שטייט "ואנכי אעלך", איך וועל דיך פריער אַרויפנעמען פון דאָרט, און דערנאָך "גם עלה" וועט די שכינה אַרויסגיין פון מצרים. דאָס אַלעס מיט'ן ציל אַז יעקב זאָל נישט דאַרפן בלייבן אין מצרים אַליין, אַפילו פאַר אַ מינוט.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק (תהלים קלט, ח) "ואציעה שאול" - אויך ווען עס פאַסירט ח"ו אַז מ'נידערט אַראָפּ צום שאול תחתיות רח"ל, "הנך" - איז דער אויבערשטער שוין דאָרט, נאָך איידער דער מענטש איז דאָרט אַראָפּגעקומען[ה].

**באמת**, איז דאָס געזאָגט געוואָרן נישט נאָר פאַר יעקב אבינו ע"ה, נאָר יעדער איינער פון אונז - לויט זיין מצב - דאַרף אנערקענען און וויסן, אַז נישט נאָר איז דער אויבערשטער מיט איהם אין זיין צרה, נאָר ער קומט נאָך פריער מיט זיין גרויס ליבשאַפט, כדי דער מענטש זאָל נישט דאַרפן מורא האָבן אַפילו פאַר איין מינוט. ממילא וועט דער מענטש וויסן נישט זיך צו פאַרלירן אפילו אין צייט פון אַ צרה ח"ו, ווייל דייקא דאָרט "ישגבך שם אלקי יעקב", טוט דער אויבערשטער איהם העלפן[ו].

**אַזוי** לייענען מיר אין דער היינטיגער סדרה (מו, ב) אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, "במראות הלילה" - אין די זעאונגען פון דער

---

**ה.** אונזערע ליפּן "שאָקלען" נאָך די ווערטער וואָס מיר האָבן געזאָגט אין די חנוכה-טעג העלע"ט (אין "ועל הנסים"): "עמדת להם בעת צרתם". די יוונים האָבן דאָך טונקל געמאַכט די לעכטיגע אמונה אין די הערצער פון אידישע קינדער, ווי די גמרא דערציילט (סוכה נו:) אַז מרים, די טאָכטער פון בילגה (וואָס איז געווען דער הויפּט פון איינע פון די משמרות כהונה אין בית המקדש) האָט זיך גע'שמד'ט רח"ל, און האָט חתונה געהאַט מיט אַ "סרדיוט" פון די מלכי יוונים. ווען די יוונים זענען אַריינגעקומען אין היכל פון בית המקדש, האָט מרים בת בילגה געקאָפּעט מיט איר שוך אויפ'ן מזבח, און געזאָגט, "לוקוס, לוקוס" ("וואָלף, וואָלף"), עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל, ווי לאַנג וועסטו נאָך פאַרלענדן דאָס געלט פון אידישע קינדער. "ואי אתה עומד עליהם בשעת הדחק", און דו העלפסט זיי נישט ווען עס איז זיי ענג. זעהען מיר פון די ווערטער פון די חז"ל, אַז קליפּת יון האָט טונקל געמאַכט די לעכטיגקייט פון אמונה, און אַריינגעגעבן אין אידישע הערצער דעות כוזבות רח"ל, אַז דער אויבערשטער כביכול טוט חלילה נישט העלפן די אידן אין זייער צרה.

צוליב דעם האָבן די חז"ל מתקן געווען אינעם נוסח התפלה, צו זאָגן די ווערטער "עמדת להם בעת צרתם", כדי איינצובאקן אין אונזערע הערצער די אמונה, אַז דער אויבערשטער שטייט און גיט אַכטונג אויף אונז, און געפינט זיך כביכול מיט אידן אין זייער צרה. אידן דאַרפן אַלזאָ, אויסרייסן פון זייערע מוחות און הערצער יעדן געדאַנק פון אַ ספק אין אמונה ח"ו.

**ו.** עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט פונעם "חפץ חיים" זי"ע ("חפץ חיים" על התורה, ריש פ' ויגש) אויפ'ן פסוק (מה, ג) "ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף". זאָגט דער "חפץ חיים", אַז באמת, זינט די ברידער זענען געקומען קיין מצרים קויפן עסן, האָבן זיי געהאַט פאַרשידענע קשיות, פאַרוואָס דער אויבערשטער פירט זיך אַזוי מיט זיי. קודם איז געווען

"ויתנכר אליהם, וידבר אתם קשות", יוסף האָט זיי אַפילו פאַרדעכטיגט אַלס שפּיאָנען. דערנאָך האָט ער זיי באַפוילן צו ברענגען בנימין קיין מצרים, און זיי זענען שפּעטער "געכאַפּט געוואָרן" ווי גנבים, ביי די מעשה מיט'ן בעכער, וואָס יוסף האָט באַפוילן אונטערצולייגן אין בנימין'ס פעקל. אָבער אַלע קשיות זענען פאַרענטפערט געוואָרן פּלוצלינג, אין איין מינוט, ווען יוסף האָט אויסגערופן הויך "הוציאו כל איש מעלי", און געזאָגט צו זיינע ברידער: "אני יוסף". מיט בלויז די צוויי ווערטער, האָט יוסף אויף איינמאָל פאַרענטפערט פאַר זיינע ברידער אַלע זייערע קשיות...

זאָגט דער "חפץ חיים", אויך מיר אידן דרייען זיך אין גלות שוין 2,000 יאָר מיט פאַרשידענע קשיות אויף אַלע פּאַסירונגען וואָס מיר לעבן איבער אין שווערן גלות, אָבער לעתיד לבוא, ווען דער אויבערשטער וועט אויסרופן פאַר דער גאַנצער וועלט "אני ה'", וועלן אַלע קשיות פאַרענטפערט ווערן. עס וועלן אַנטפּלעקט ווערן פאַר אונז די סיבות פון אַלע פּאַסירונגען, און ווי אַזוי אַלעס איז געווען פאַר אונזער טובה וועגן, מיט אַ קלאָרן חשבון. אָבער אויב מיר וועלן שוין יעצט לעבן מיט די דאָזיגע אמונה, און מיר וועלן אויך היינט שוין אנערקענען אַז אַלעס ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען, וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט, וועלן ממילא פאַרענטפערן ווערן אַלע קשיות, און מ'וועט פאַרשטיין די הנהגה פון דעם באַשעפער מיט אונז אין די צייט פון גלות.

אין דעם ענין, זאָגט דער "משך חכמה" (ויגש, ד"ה "אנכי ארד עמך" וגו') אויפ'ן פסוק (מו, ג-ד) "ויאמר וגו' אל תירא מרדה מצרימה... אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה, ויוסף ישית ידו על עיניך". זאָגט דער "משך חכמה", אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, "אל תירא מרדה מצרימה", דו דאַרפסט נישט מורא האָבן אַראָפּצונידערן קיין מצרים - אין פינצטערן גלות. פאַרוואָס? איז דער ענטפער: "ויוסף ישית ידו על עיניך". דער עצם מצב פון יוסף הצדיק וועט דיר פאַרענטפערן אַלע דיינע קשיות. באמת, ווער האָט זיך דען פאַרגעשטעלט אַז דער צער וואָס יוסף האָט געהאַט ווען די ברידער האָבן איהם פאַרקויפט, איז גאָר געווען אַ צוגרייטונג אַז ער זאָל שפּעטער באַשטימט ווערן אַלס "משנה למלך" אין מצרים, און ער זאָל מפרסם זיין דעם אויבערשטען'ס נאָמען אין גאַנץ מצרים. דאָס איז די כוונה פון די ווערטער, "ויוסף ישית ידו על עיניך", ער וועט "פאַרדעקן" און פאַרענטפערן אַלע דיינע קשיות, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין אַז אַלעס ווערט געפירט מיט אַ חשבון פון הימל. אַמאָל איז די גאַנצע ירידה נאָר "לצורך עליה", כדי דער מענטש זאָל דערנאָך אויפגעהויבן ווערן צו אַ גרויסע מדריגה. ס'איז מעגליך אַז די עליה קען קומען נאָר דורך אַ ירידה פון פריער.

עס ווערט גע'פּסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' סא, ס"ה) אַז ווען מ'זאָגט דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע, פירט מען זיך צוצודעקן די אויגן מיט די האַנט. זאָגן די ספרים, אַז דאָס לערנט אונז אַז דער מענטש זאָל גלייבן אינעם באַשעפער אַז "ה' אלקינו ה' אחד", אויך ווען עס זעהט איהם אויס אַז עס איז פינצטער ח"ו און מ'זעהט גאָרנישט. דווקא אין אַ צייט ווען מ'זעהט נישט די לעכטיגקייט און מ'פאַרשטייט נישט די הנהגה פון דעם אויבערשטען, איז אַ מצוה צו גלייבן אַז דער אויבערשטער איז "עילת כל העילות, וסיבת כל הסיבות". וועגן דעם לייגט מען אַרויף די רעכטע האַנט אויף די אויגן, און מ'רופט אויס "ה' אלקינו". סיי ווען עס איז אַ הנהגה פון שם הוי' ב"ה - מדת הרחמים - און סיי אויב עס איז א הנהגה פון מדת הדין ח"ו - "אלקינו" - איז "ה' אחד", אַלעס קומט פון דעם אויבערשטען, דער איינציגער באַשעפער, וואָס ער האָט עס געטוהן.

דאָס איז דער רמז אין פסוק: "ויוסף ישית ידו על עיניך". יוסף וועט אַרויפלייגן זיין האַנט אויף דיינע אויגן, דיך צו לערנען אַז מ'דאַרף האָבן אמונה, אויך דעמאָלס ווען מ'זעהט גאָרנישט. די אויגן זענען "פאַרדעקט".

דאָס איז אויך די כוונה פון די ווערטער פון רש"י ז"ל (מו, כט) אַז ווען יעקב האָט באַגעגענט יוסף נאָך אַזוי פיל יאָר, האָט ער געלייענט קריאת שמע. דאָס איז אַ רמז, אַז אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען גלות מצרים, האָט יעקב זיך געשטאַרקט מיט אמונה דורך לייענען קריאת שמע, וואָס איז מרמז, אַז סיי "ה'" - מדת הרחמים, און סיי "אלקינו" - מדת הדין ח"ו - אַלעס איז "ה' אחד". ווען יעקב האָט געזעהן יוסף, האָט עס איהם דערמאָנט אין דעם אויבן דערמאנטן לימוד פון די מעשה פון יוסף, און עס האָט איהם געברענגט צו נאָך מער אמונה.

עס שטייט אין ספה"ק "שם משמואל" (ויגש, שנת תרע"ז, ע' רצט, ד"ה "אך לפי זה") אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מה, כז) "וירא את העגלות אשר שלח יוסף לשאת אותו, ותחי רוח יעקב אביהם". יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן די וועגענער וואָס יוסף האָט געשיקט איהם צו ברענגען קיין מצרים, און זיין גייסט האָט אויפגעלעבט. זאָגט דער "שם משמואל", אַז "עגלות" איז פון לשון "עיגול" - רונדיג, ווייל די רעדער פון אַ וואָגן זענען דאָך

נאַכט - "אל תירא מרדה מצרימה". דו זאָלסט נישט מורא האָבן אַראָפּצונידערן קיין מצרים. אויך אין פּרשת ויצא, האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו יעקב אבינו אין חלום, אַ זאַך וואָס מיר געפינען נישט ביי אברהם אבינו ע"ה, אָדער ביי יצחק אבינו ע"ה.

**זאָגט** אויף דעם דער "משך חכמה" (ויגש, ד"ה "אנכי") אַז אין די צוויי זמנים האָט יעקב זיך געגרייט "אַראָפּצונידערן" אין גלות, אין חוץ לארץ, וואו עס הערשט אַ גרויס פינצטערניש. צוליב דעם, האָט דער אויבערשטער זיך באַוויזן צו יעקב דייקא "במראות הלילה", כדי איהם צו ווייזן, אַז אויך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט - אין גלות - מאַכט דער אויבערשטער רוען זיין שכינה אויף אידישע קינדער, ווי די חז"ל זאָגן (מגילה כט., ועי' זוה"ק ריש פ' שמות) "גלו לבבל, שכינה עמהם". ווען די אידן זענען געגאַנגען אין גלות בבל, איז די שכינה מיטגעגאַנגען מיט זיי, און אויך אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, רוהט די שכינה צווישן די אידן.

**לויט** דעם טייטשט דער "משך חכמה" דעם פּסוק (תהלים כ, ב) "יענך ה' ביום צרה ישגבך שם אלקי יעקב". דער אויבערשטער זאָל דיר ענטפערן, און מאַכן רוען אויף דיר זיין שכינה, אויך "ביום צרה" - אין טאָג פון אַ צרה ח"ו, ווען דו וועסט זיך געפינען אין די פינצטערניש פון גלות - יעדער מענטש, מיט זיין אייגענעם "גלות". "ישגבך" - ער וועט דיך אויפהייבן און שטאַרקן, "שם אלקי יעקב" - אַזוי ווי ער האָט זיך שוין באַוויזן צו יעקב אבינו ע"ה, דווקא אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט[ז].

**דאָס** איז דער ריכטיגער וועג צו שטאַרקן די אמונה אין הארץ אַז אַלעס וואָס קומט פאַר אויף דער וועלט, ווערט געטוהן מיט אַ גענויען חשבון פון הימל[ח]. יעדע זאַך וואָס זעהט אויס ווי שלעכט ח"ו, איז גאָר

---

רונדיג. ביי אַ רונדיגן ראָד, איז יעדער פונקט, אויך ווען עס איז אונטן, איז נישט אַ "ירידה", ווייל אַ מינוט שפּעטער קען עס זיין אויבן, ווען מ'וועט דרייען דעם ראָד. דאָס איז אַ וואונדערליכער רמז אויף אַלע פּאַסירונגען אויף דער וועלט, אַז יעדע ירידה איז נישט אַ ירידה בתכלית, און אַ קלוגער מענטש זעהט אין יעדע ירידה, דעם אָנהייב פון זיין עליה. ער פאַרלאָזט זיך דעריבער אויף דעם אויבערשטען, אַז אָט-אָט וועט קומען זיין עליה. אַזוי אויך פאַרקערט, ווען ער איז אין אַ געהויבענעם מצב, זאָל ער זיך נישט גרויס האַלטן, ווייל עס קען זיך דאָך "איבערדרייען" צו אַ מצב פון "ירידה" ח"ו. דאָס איז אַן עצה פאַר יעדן מענטש, צו האַלטן שטענדיגן פאַר די אויגן דעם דאָזיגן כלל.

זאָגט דער "שם משמואל", אַז דאָס האָט יוסף הצדיק געוואָלט מרמז זיין פאַר יעקב אבינו ע"ה, ווען ער האָט איהם געשיקט "עגלות", איהם צו לערנען, אַז כאָטש אַפילו ער נידערט יעצט אַראָפּ אין אַ ביטערן גלות - גלות מצרים, וואָס איז דער שורש פון אַלע כלליות'דיגע און פּרטיות'דיגע גלות'ן ביז ביאת המשיח בב"א, אָבער די ירידה איז נאָר "לצורך עליה". אויף דעם זאָגט דער פּסוק: וירא את העגלות אשר שלח יוסף 'לשאת אותו', די עצם ירידה וואָס ער גייט יעצט אַראָפּ קיין מצרים, וועט איהם שפּעטער "אויפהייבן". ווען יעקב האָט געזעהן דעם רמז וואָס יוסף האָט איהם געשיקט, האָט ער דערפון פאַרשטאַנען אַז אט דער געדאַנק האָט געהאַלטן יוסף'ן ביי די אמונה אין לויף פון די יאָרן וואָס ער האָט זיך געדאַרפט געפינען אין מצרים. "ותחי רוח יעקב אביהם".

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן רב אין בני ברק, אַז דאָס איז די כוונה פון אונזער בקשה (פיוט "קה אכסוף") "ויהיו רחמיך 'מתגוללים' על עם קדשך". מיר בעטן דעם אויבערשטען, אַז פּונקט ווי ביז יעצט האָבן מיר געהאַט פון אַלעם גוטן ב"ה, איז אויב עס דרייט זיך אַמאָל איבער דאָס רעדל ח"ו, זאָל עס זיך צוריק איבערדרייען צו גיין פון אונטן אַרויף.

**ז.** דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון "חזון יחזקאל", האָט זייער מחבב געווען די דאָזיגע ווערטער פון "משך חכמה", און ער פלעגט עס איבערזאָגן פאַר זיינע שטוב-מענטשן יעדן יאָר, שבת פרשת ויגש.

**ח.** אויפ'ן פּסוק אין דער היינטיגער סדרה (מה, כד) "אל תרגזו בדרך", זאָגט רש"י: "אל תפסיעו פסיעה גסה". איר זאָלט נישט גיין מיט גרויסע טריט. דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, פלעגט נאָכזאָגן אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע (מובא בס' "ליקוטי יהודה"), אַז יעדע זאַך ווערט אָפּגעמאָסטן פון הימל פאַר דעם מענטש, אויף אַ וואונדערליכן אופן. ממילא, כאָטש מכוח די מצוה פון כיבוד אב, האָבן די שבטים זיך געדאַרפט איילן צו קומען דערציילן פאַר זייער פאָטער יעקב די גוטע בשורה, אַז יוסף לעבט און געוועלטיגט איבער

אַ טובה פונעם באַשעפער, נאָר "נסתרים דרכי ה'", דעם אויבערשטען׳ס וועגן זענען באַהאַלטן, און מ׳טאָר נישט לעבן ווי א נאַר וואָס ווייסט נישט און אנערקענט נישט אַז די צרה אַליין איז אַ פולשטענדיגע טובה פאַר איהם (נאָר דערווייל, איז די טובה 'צוגעדעקט' פון די אויגן פון מענטש)[ט].

---

גאַנצן לאַנד מצרים, און יוסף האָט טאַקע געזאָגט צו זיי (פרשתינו מה, ט) "מהרו ועלו אל אבי" וגו', איילט אייך צו, און גייט אַרויף צו מיין פאָטער (ווי דער ספורנו שרייבט: "כדי שלא יצטער יותר", כדי יעקב זאָל מער נישט האָבן צער), פונדעסטוועגן, האט יוסף זיי אויך געזאגט: "אל תפסיעו פסיעה גסה" - ענק האָבן נישט וואָס צו גיין מיט גרויס איילעניש, ווייל עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. ענק וועלן נישט קענען מודיע זיין פאַר יעקב אפילו איין מינוט פאַר די צייט וואָס איז באַשטימט פון הימל. יעדע עגמת נפש קומט ח"ו אין די צייט וואָס איז באַשטימט פון הימל, און עס גייט אַוועק אין דער מינוט וואָס איז באַשטימט דערויף. וועגן דעם האָט יוסף זיי געזאָגט: "אל תפסיעו פסיעה גסה" - איר וועט גאָרנישט פאַרדינען פון די איילעניש.

אין דעם ענין, האָט דער "בית ישראל" טאַקע דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון דעם באַקאַנטן חסיד רבי בן ציון אָסטראָווער זצ"ל, אַן עובדא וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט. אַמאָהל ווען די חסידים זענען געזעסן און געלערנט אין בית המדרש אין קאָצק, האָט דער קאָצקער רבי זי"ע פלוצלינג געעפענט די טיר פון זיין צימער, און זיך געוואָנדן צום עולם: "בער'קע דאַרף רחמי שמים". (בער'קע איז געווען דער מאַן פון די באַקאַנטע רייכע פרוי תמר'ל פון וואַרשע, וועלכע האָט געשטיצט מיט געלט אַ סאַך צדיקים אין פוילן, צווישן זיי דעם רבי'ן ר' בונם פון פשיסחא זי"ע, און אַנדערע צדיקים).

ווען די חסידים האָבן געהערט די ווערטער פון קאָצקער רבי'ן, אַז בער'קע נויטיגט זיך אין רחמים פון הימל, האָבן זיי באַלד געדונגען אַ וואָגן, און זענען געפאָהרן קיין וואַרשע, כדי מזכיר צו זיין בער'קען ביי דעם "חידושי הרי"ם" זי"ע, און ביי אַנדערע צדיקים, אַז זיי זאָלן מעורר זיין רחמי שמים פאַר בער'קע'ס רפואה.

אַזוי ווי זיי זענען אַרויסגעפאָהרן פון קאָצק, האָט זיך צובראָכן איינער פון די רעדער פון וואָגן. האָבן די חסידים פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נסיון וואָס מ'האָט אונטערגערוקט פאַר זיי פון הימל, האָבן זיי פאַרראָכטן דעם ראָד, און האָבן פאָרגעזעצט אויפ'ן וועג קיין וואַרשע. אַ קורצע צייט שפּעטער, איז געשטאָרבן איינער פון די פערד... די חסידים האָבן אָבער נישט אויפגעגעבן, און האָבן ווייטער ממשיך געווען אויפ'ן וועג. צום סוף, האָבן זיי אָבער געמוזט אָפּשטעלן די רייזע, ווייל ביים אָהנקומען אין דער שטאָט סקערנעוויץ, איז איינער פון די חבריא געוואָרן נישט געזונט ל"ע און האָט זיך געפונען אין אַ סכנה רח"ל. צוליב דעם, האָבן זיי זיך געדאַרפט אויפהאַלטן אין סקערנעוויץ ביז זייער חבר וועט געזונט ווערן און צוריקקומען צו די כוחות, ער זאָל קענען פאָרזעצן מיט זיי אויפ'ן וועג. נאָך אַ פּאָר טעג האָט ער טאַקע אָהנגעהויבן בעסער שפּיהרן, און זיי זענען ווייטער געפאָהרן קיין וואַרשע. ווען זיי האָבן זיך אָבער דערנענטערט צו פּראַגא, אַ פאָרשטעטל פון וואַרשע, האָבן זיי באַגריפן אַז זיי האָבן פאַרשפּעטיגט, ווייל זיי האָבן באַגעגענט מענטשן צוריקקומען פון בער'קע'ס לויה.

האָט רבי בן ציון אָסטראָווער געזאָגט, אַז נאָך די מעשה האָט מען געזאָגט אין קאָצק: "אָט האָבן מיר דאָ געזעהן אַן אָפענעם רוח הקודש פונעם קאָצקער רבי'ן, וועלכער האָט געוואוסט אַז בער'קע איז קראַנק און נויטיגט זיך אין רחמי שמים, אָבער נאָך מער פון דעם, האָבן מיר דאָ געזעהן אַ פיהל גרעסערן "מופת" פונעם אויבערשטען כביכול, וואָס ער האָט אונז געוויזן אַז אויב ס'איז אַרויס אַ גזירה אין הימל אַז בערקע זאָל אַוועקגיין פון דער וועלט רח"ל, זאָל מען אויף דער וועלט נישט קענען אויפרודערן די וועלט פאַר זיין רפואה.

**ט.** די גמרא זאָגט (מגילה יג:) ריש לקיש האָט געזאָגט, "אין הקדוש ברוך הוא מכה את ישראל אלא אם כן בורא להם רפואה תחילה". דער אויבערשטער שלאָגט נישט חלילה אידישע קינדער, נאָר אויב ער באַשאַפט קודם פאַר זיי די רפואה. ממילא, אויב אַ מענטש געפינט זיך אין אַ צרה ח"ו, זאָל ער זיך נישט פאַרלירן, נאָר ער זאָל גלייבן אַז ער וועט אינגיכן אַרויסגיין פון די צרה, ווייל זיין ישועה איז גרייט צו ראַטעווען איהם אין די מינוט ווען עס וועט זיין פאַרשריבן פון הימל.

נאָך מער: די חז"ל זאָגן (ב"ר פנ"ג, יד) "אמר רבי בנימין, הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם, מן הכא, ויפקח אלקים את עיניה". רבי בנימין האָט געזאָגט, אַלע מענטשן זענען ווי בלינד ביז דער אויבערשטער דערלייכט זייערע אויגן, ווי מיר זעהען פון פסוק אַז דער אויבערשטער האָט געעפענט הגר'ס אויגן (און זי האָט דערזעהן אַ קוואַל וואַסער).

אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מו, א) "ויזבח זבחים לאלקי אביו יצחק", זאָגט דער "באר מים חיים" (פרשתינו, ד"ה "או יאמר ויזבח"), אין אַ לענגערן שמועס, אַז עס זענען דאָ פאַרשידענע יסורים (זעה אויך אין זיין ספר, "סידורו של שבת, דרוש ג, ב), "וכללו של דבר, כי הכל לטובתו הגמורה של האדם". דער כלל איז, אַז אַלעס איז פאַר די פולשטענדיגע טובה פונעם מענטש. אַמאָל ברענגט עס איהם צו אַן אַנדערע טובה, און אַמאָל געפינט ער אויס צום סוף, אַז דאָס אַליין איז אַ טייל פון די טובה. אַזוי איז געווען ביי יוסף, וואָס די מכירה אַליין איז געווען כדי איהם צו ברענגען קיין מצרים, מיט'ן ציל אַז ער זאָל דאָרט באַשטימט ווערן אַלס "משנה למלך"'.

---

זאָגט דער "ישמח ישראל" (פ' ויגש, אות ב') אַז פון די ווערטער פון מדרש זעהען מיר, אָפט מאָל זוכט אַ מענטש אַן אבידה וואָס איז איהם פאַרלוירן געגאַנגען, און צום סוף געפינט ער עס ממש נעבן זיך, וואו עס ליגט שוין אַ לאַנגע צייט. אַזוי איז ביי יעדע זאַך וואָס דער מענטש וואַרט אויף אַ ישועה, וועט ער אַ סאַך מאָל אויסגעפינען צום סוף, אַז די ישועה איז געווען גרייט ממש פאַר איהם שוין פון פריער, נאָר דער באַשעפער האָט פאַרדעקט זיינע אויגן אַז ער זאָל עס נישט זעהן, ווייל פון הימל האָט מען גוזר געווען אויף איהם אַ צער אויף אַ געוויסע צייט, און צוליב דעם האָט ער נישט געקענט זעהן די ישועה. אָבער אין דער מינוט ווען עס האָט זיך געענדיגט די צייט וואָס איז געווען באַשטימט פאַר איהם פון הימל אַז ער זאָל האָבן דעם צער, האָבן זיינע אויגן זיך געעפענט און פון יעצט און ווייטער וועט ער זעהן נאָר גוטס.

לויט דעם, טייטשט דער "ישמח ישראל" די ווערטער פון רש"י (מה, ד, ד"ה "גשו") פון מדרש (ב"ר פצ"ג, ח) אַז ווען יוסף האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע ברידער, און ער האָט זיי געזאָגט די ווערטער "אני יוסף", האָבן זיי איהם נישט געוואָלט גלייבן ביז ער האָט זיי געוויזן אַז ער איז גע'מל'עט. פרעגן די מפרשים, וואָס איז די ראיה פון דעם וואָס ער איז גע'מל'עט, אַז ער איז זייער ברודער, יוסף. עס איז דאָך מעגליך אַז ער איז אַ גע'מל'עטער אַראַבער, אָדער אַ "גבעוני" וואָס האָט זיך געלאָזט מל'ען (זיי מל'ען זיך אויך, אַזוי ווי די אידן).

נאָר יוסף האָט געוואָלט מרמז זיין פאַר זיינע ברידער, אַז זיי זאָלן זיך מתבונן זיין אין אַלעם וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט, פונעם טאָג ווען זיי זענען געקומען קיין מצרים. פריער האָבן זיי פאַרקויפט זייער ברודער, און דערנאָך האָבן זיי חרטה געהאַט דערויף (ווי דער מדרש דערציילט). עס האָט זיך געשטאַרקט ביי זיי די חרטה און דער צער אויף יוסף'ס פאַרקויף, ביז זיי זענען געווען גרייט צו צאָלן אַלע געלטער פון דער וועלט, כדי איהם צוריקצוברענגען צו זייער פאָטער יעקב. און פאַר דעם צוועק, האָבן זיי אויך געטוהן אַנדערע פעולות, זיי האָבן זיך צעטיילט איינער פון אַנדערן, ביים אַריינקומען אין מצרים, און יעדער איינער פון זיי איז געגאַנגען דורך אַן אַנדערן טויער כדי צו זיכן יוסף איבער גאַנץ לאַנד מצרים. פונדעסטוועגן, ווען זיי האָבן באַגעגנט יוסף'ן פנים אל פנים, ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין געוואוסט אַז אַ קנעכט איז אַרויס פון תפיסה און איז געוואָרן אַ קעניג אין מצרים, האָבן די שבטים נאָך אַלץ נישט אַרויפגעברענגט אויף זייער געדאַנק, אַפילו מיט אַ "ספק ספיקא", אַז דער "קעניג" פאַר וועמען זיי שטייען איז נישט קיין אַנדערער ווי זייער ברודער, יוסף... און צו דעם אַלעם, האָט מען מיר - יוסף - געגעבן גרויסע כוחות פון הימל, אַז איך זאָל זיך קענען צוריקהאַלטן פון דערציילן פאַר אייך אַז די "גרויסע אבידה" (יוסף) שטייט גאָר פאַר אייערע אויגן, און עס פעלט אייך אַפילו נישט איין אַז דאָס בין איך... דאָס אַלעס איז געווען נאָר ביז די מינוט וואָס איז געווען באַשטימט דערפאַר פון הימל. אָבער ווען עס איז געקומען די צייט דערפאַר, האָב איך מיך מער נישט געקענט איינהאַלטן, און דער אויבערשטער האָט געעפענט אייערע אויגן צו געפינען דאָס וואָס איר האָט געזוכט, און אויסצוגעפינען אַז שוין אַ לאַנגע צייט שטיי איך – יוסף - פאַר אייך...

דאָס זאָגט דער פסוק: "והנה עיניכם רואות" - יעצט ווען אייערע אויגן זעהען מיך שוין, קען איך אייך שוין אויך ווייזן אַז איך בין גע'מל'עט, ווייל ביז יעצט, אַזוי לאַנג ווי אייערע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, האָב איך אייך נישט געקענט ווייזן אַז איך בין גע'מל'עט, ווייל איר וואָלט געזאָגט אַז דאָ שטייט פאַר אייך אַן אַראַבער וואָס האָט זיך גע'מל'עט... נאָר יעצט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט אַז איך זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַר אייך, גלייבט איר מיך שוין, אַפילו מיט דעם סימן.

**י.** אַזוי שרייבט דער 'רוקח' (סדר התפלה, הלל), אויפ'ן פסוק (תהלים קיח, ה) "מן המיצר קראתי י-ה, ענני במרחב י-ה".
איך האָב גערופן צום באַשעפער, זעה נאָר מיין ענגן מצב ("מן המיצר"). "ענני" - האָט דער אויבערשטער מיר

געגנטפערט. "במרחב" דו ביזט נישט אין אַן ענגן מצב, נאָר אין "מרחב". עס איז דיר נישט ענג ח"ו, נאָר עס איז דיר גאָר 'ברייט' און 'באַקוועם'. כאָטש עס זעהט אויס מיט'ן מענטשליכן אויג ווי אַ צרה ח"ו, אָבער באמת איז עס "מרחב" און אַ ישועה.

מיר האָבן געהערט פון הרב ר' יוסף שוואַרץ שליט"א, אַ מורא'דיגע געשעהעניש וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין פאָטער, הרב ר' אפרים ז"ל, אין די לעצטע טעג פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, איידער ער איז באַפרייט געוואָרן אין לאַגער. ביים סוף פון די מלחמה, זענען די רשעים אַמאָל געקומען און צעטיילט די אידן אויף צוויי טיילן: אַ העלפט פון די אידן, האָבן זיי געשיקט רעכטס, און די צווייטע העלפט, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער לינקער זייט.

ווען ר' אפרים האָט געזעהן אַז די מענטשן וואָס זענען געווען "הויט און ביינער" זענען געשטעלט געוואָרן אויף איין זייט, און די מער "געבויטע", וואָס האָבן נאָך געהאַט עפּעס "פליייש" אויפ'ן קערפּער, האָבן די דייטשן געשטעלט אויף די אַנדערע זייט, האָט ער מורא געהאַט אַז ער וועט געשיקט ווערן מיט די דאַרע מענטשן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז נאָר די 'דיקערע' וועלן געשיקט ווערן צו אַרבעטן ווייטער פאַר די רשעים, און די רעשט, וועט מען שיקן צום הימל... האָט ר' אפרים זיך געמאַכט ווי אַ 'בעל בשר', און ער האָט געבעטן דעם דייטשן "געסטאַפּאָ" מאַן, ער זאָל איהם לאָזן גיין מיט די דיקערע. דער רשע האָט איהם אָבער געשיקט צו די דאַרע. ר' אפרים האָט ווייטער געבעטן - ווי אַ קליין קינד וואָס בעהט זיין פאָטער ער זאָל איהם קויפן אַ געוויסן שפּילצייג, אָבער זיין טאַטע זאָגט אָפּ זיין בקשה. בעט דאָס קינד נאָך אַמאָל, מיט אַ העכער קול, און קאָפּעט מיט די פיס, און בעט זיך מיט אַלע כוחות... - דעם רשע ער זאָל רחמנות האָבן אויף איהם, און לאָזן גיין אויף די אַנדערע זייט, אָבער אָן דערפאָלג. דער דייטשער רשע האָט איהם געשיקט צוזאַמען מיט די אויסגעמאָגערטע, אָפּגעשוואַכטע מענטשן.

וואָס האָט דער אויבערשטער אָבער געטוהן? אַ האַלבן טאָג שפּעטער האָט מען געהערט, אַז אַלע "געבויטע" מענטשן האָבן די דייטשן ימ"ש אויסגעמאָרדעט, ווייל ווען זיי האָבן געזעהן ווי די אַמעריקאַנער מיליטערישע קרעפטן דערנענטערן זיך, האָבן זיי מורא באַקומען אַז די אידישע קאַצעטלער וועלן דערציילן וואָס די דייטשן האָבן געטוהן מיט זיי, און וואו זיי באַהאַלטן זיך יעצט, האָבן די דייטשן דריבער אומגעבראַכט די געזונטערע מענטשן, אָבער די אָפּגעשוואַכטע מענטשן האָבן זיי דערווייל געלאָזט, מיט'ן חשבון אַז ביז געציילטע טעג וועלן זיי סיי-ווי אומקערן זייערע פאַרפּייניגטע נשמות צום טאַטן אין הימל. אַזוי איז דאָס לעבן פון ר' אפרים שוואַרץ אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, און נאָך די מלחמה האָט ער, בחסדי ה', זוכה געווען אויפצושטעלן אַ הערליכע אידישע שטוב.

פון די מעשה לערנען מיר, אַז דער אויבערשטער ווייסט וואָס עס איז גוט פאַר'ן מענטש, און ממילא, דאַרף מען זיך פרייען מיט אַלעם וואָס קומט פאָר, אפי' אויב עס זעהט אויס אויבנאויף ווי שוואַרץ און פינצטער ח"ו, אָבער באמת איז עס פאַר זיין טובה וועגן.

עס ווערט געברענגט אין ספר "עמוד העבודה" (דרוש גלות השכינה, דף קכה, בדפו"י) אַ מעשה מיט אַ מענטש וואָס האָט פאַרמאָגט 100 אָקסן. ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער, האָט ער צוגעגרייט שטרוי און תבואה פאַר די אָקסן צו עסן דעם גאַנצן ווינטער (ווייל דעמאָלס געפינט זיך נישט אין פעלד שטרוי און היי צו געבן פאַר די אָקסן). ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות, מיינענדיג אַז ער האָט צוגעגרייט תבואה פאַר 100 אָקסן, אין דער צייט וואָס ער האָט פאַקטיש צוגעגרייט נאָר פאַר 50 אָקסן. עס האָט פּאַסירט אַן "אומגליק", און באַלד נאָך סוכות זענען 50 אָקסן געשטאָרבן. דער אייגנטימער פון די אָקסן איז געווען אַ גרויסער מאמין אין באַשעפער, גלייבנדיג אַז אַלעס איז לטובה, אויך ווען דער מענטש זעהט עס נישט מיט זיינע פליישיגע אויגן.

עטליכע חדשים שפּעטער, טיף אינמיטן ווינטער, האָט ער ערשט באמת באַגריפן די גרויסע חסדים פון באַשעפער, ווען ער האָט איינגעזעהן אַז ער האָט על פי טעות צוגעגרייט תבואה נאָר פאַר פופציג אָקסן אויפ'ן גאַנצן ווינטער (אָדער פאַר 100 אָקסן, נאָר אויף אַ האַלבן ווינטער). אַזוי אַז אויב די ערשטע 50 אָקסן וואָלטן געבליבן לעבן, און אַלע אָקסן וואָלטן געגעסן די צוגעגרייטע תבואה, וואָלט דאָך די תבואה זיך אויסגעלאָזט אינמיטן ווינטער, און דאַן וואָלטן אַלע 100 אָקסן געשטאָרבן פון הונגער און ער וואָלט פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן. אַזוי איז אויסגעקומען אַז דאָס שטאַרבן פון די ערשטע 50 אָקסן, האָט גאָר געראַטעוועט די פאַרבליבענע 50 אָקסן, אַז כאָטש זיי זאָלן בלייבן לעבן...

מיט דעם טייטשט דער "באר מים חיים" דעם פסוק (תהלים קיח, כא) "אודך כי עניתני ותהי לי לישועה". לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן, אודך כי "הושעתנו", איך וועל דיך לויבן, ווייל דו האָסט מיר געהאָלפן מיט אַ ישועה. פאַרוואָס לויבט מען אויף דעם "עינוי" ("עניתני")?

**איז** דער תירוץ, אַז דוד המלך ע"ה האָט אנערקענט אַז דער עינוי אַליין איז אַ טובה וואָס קומט פון דעם באַשעפער. וועגן דעם האָט ער געדאַנקט אויך פאַר "עניתני", די פייניגונגען וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, ווי אַ מענטש וואָס דאַנקט און לויבט דעם אויבערשטען פאַר די ישועה, ווייל ער האָט געוואוסט אַז די יסורים זענען אויך אַ טובה, און זענען רחמים גמורים פון באַשעפער פאַר זיין טובה וועגן.

**זאָגט** דער "באר מים חיים" ווייטער, אַז דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק "ויזבח זבחים לאלקי אביו יצחק". "יצחק" איז מרמז אויף מדת הדין (גבורה). ווען יעקב אבינו ע"ה האָט אנערקענט אַז אַלע יסורים וואָס ער האָט געהאַט זענען געווען אַ טובה פאַר איהם פון דעם באַשעפער, האָט ער זיך געפרייט און מקריב געווען קרבנות "לאלקי אביו יצחק", וואָס איז מרמז אויף מדת הדין, ווייל ער האָט אנערקענט די טובה וואָס איז באַהאַלטן אין די פינצטערניש.

**אַזוי** טייטשט אויך דער "קדושת לוי" (פרשתינו) דעם פסוק (מה, כז) "וירא את העגלות אשר שלח יוסף" וגו'. יוסף האָט געוואָלט מרמז זיין פאַר יעקב, אַז ער דאַרף נישט מורא האָבן פאַר'ן גלות, ווייל עס איז נאָר אַ סיבה פאַר די גאולה. וועגן דעם האָט ער איהם געשיקט "עגלות", פון לשון "עיגול", און אויך אַ "סיבה" ווערט גערופן "עיגול" ("סיבוב"), ווייל די "עגלות" זענען מרמז אַז דער אויבערשטער פירט אַלעם אויף דער וועלט, און ער פירט איהם קיין מצרים כדי צו ברענגען שפעטער אויף איהם די גרויסע טובה פון די גאולה[יא].

**יא.** נאָך די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, האָט דער גאון רבי משה שניידער זצ"ל אָנגעפירט מיט אַ גרויסע ישיבה אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אויפגעשטעלט אַ סאַך תלמידי חכמים. אין יענע שווערע צייטן, האָט די ישיבה זיך שטאַרק געפלאָגט מיט געלט, האָט רבי משה גערופן איינע פון די גוטע בחורים אין ישיבה, און איהם געבעטן זיך אַרויסצולאָזן איבער די הייזער אין שטאָט, צו ביישטייערן פאַר די ישיבה, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שווערן מצב. דער בחור איז נאָך יענע נאַכט געפאָרן זאַמלען געלט, און האָט אָנגעקלאַפט אויף די טירן פון אידישע הייזער, בעטנדיג געלט פאַר די ישיבה. למעשה, האָט ער אָבער נישט באַוויזן צו מאַכן געלט, יעדער איינער מיט זייערע תירוצים... אַ סאַך מענטשן האָבן נישט געוואָלט עפענען די טיר פאַר איינעם וועמען זיי האָבן נישט געקענט, און אַנדערע וואָס האָבן יאָ געעפענט, האָבן זיך אַנטשולדיגט אַז זיי האָבן אַנדערע התחייבות'ן פאַר צדקה, און טייל מענטשן האָבן איהם אַפילו געטשעפעט, אַז די תלמידים פון רבי משה'ס ישיבה זענען סתם פוילע בחורים וואָס ווילן נישט גיין אַרבעטן, און אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרפן מיר האַנדלען אָדער אַרבעטן פאַר זיי... (אויף איין טיר, איז אַפילו אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ שילד, וואָס האָט זיך געלייענט אַז "אַריינטריט פאַר הינט און פאַר שנאָרערס, איז פאַרבאָטן..."). אַלזאָ, דער בחור האָט זיך אומגעקערט אין ישיבה מיט גרויס עגמת נפש, ווייל נישט נאָר וואָס ער האָט נישט מצליח געווען אין זיין אויפגאַבע, נאָר ער האָט נאָך געמאַכט אַ שאָדן פאַר די ישיבה, מיט דעם וואָס ער האָט אַפילו נישט געדעקט די הוצאות פון די רייזע מיט'ן אויטאָ איבער דער שטאָט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן נישט צו דערציילן פאַר'ן ראש ישיבה וועגן דעם אַז ער האָט נישט מצליח געווען צו שאַפן געלט פאַר די ישיבה יענעם אָוונט.

צומאָרגנס האָט ער זיך ווידער געזעצט אויף זיין באַשטימטן אָרט אין ישיבה, און געלערנט בהתמדה ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט. אינמיטן לערנען, האָט דער ראש ישיבה איהם געשיקט רופן, און ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער פונעם ראש ישיבה, האָט הרב שניידער איהם אויפגענומען בסבר פנים יפות, און איהם וואַרעם באַדאַנקט פאַר זיין טירחא לטובת די ישיבה. ער האָט איהם אַפילו געלאָזט וויסן, אַז ער האָט מצליח געווען צו שאַפן געלט צו קענען אויסהאַלטן די תלמידים אין ישיבה. דער בחור, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט פאַסירט - ער האָט דאָך אַ נאַכט פריער נישט באַוויזן צו שאַפן אַפילו איין פרוטה - האָט אויסגעדרוקט זיין פאַרוואונדערונג פאַר'ן ראש ישיבה. "איך האָב דאָך גאָרנישט געשאַפן...", האָט דער בחור געזאָגט. האָט דער ראש ישיבה איהם געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

**מורא מקדש - די האַרבקייט פון רעדן אינמיטן דאַווענען**

**אַרויסגייענדיג** פון יום טוב חנוכה, ווען די חשמונאים האָבן מחנך געווען, באַנייט און פאַרראָכטן דעם בית המקדש פון די 13 'פּירצות' (לעכער) וואָס די יוונים האָבן דאָרט געמאַכט, ליגט אויף אונז א פליכט זיך צו מחזק זיין אין דעם ענין פון תיקון "מקדש מעט", וואָס מיר האָבן במתנה פון הימל אין דער געשטאַלט פון די שולן און בתי מדרשים, צו זיין געוואָרנט אין כבוד און מורא מקדש, נישט צו רעדן אינמיטן דאַווענען און קריאת התורה, און דער וואָס היט זיך נישט צו רעדן בשעת התפלה, איז זוכה צו אַלע ברכות וואָס עס האָט איהם געבענטשט דער גאון בעל "תוספות יום טוב" זצ"ל, אין זיין באַקאַנטן "מי שבירך": "הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפילה וקריאת התורה, הקדוש ברוך הוא ישמרהו מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה", און עס זאָלן חל זיין אויף איהם אַלע ברכות וואָס ווערן דערמאנט אין דער תורה פון משה רבינו ע"ה און אין אַלע ספרים פון די נביאים און כתובים. "ויזכה לראות בנים חיים וקיימים, ויגדלם לתורה לחופה ולמעשים טובים, ויעבוד את ה' אלוקינו תמיד באמת ובתמים, ונאמר אמן", עכ"ל.

די גמרא זאָגט (יבמות ו:) "לא ממקדש אתה מתיירא, אלא ממי שהזהיר על המקדש". נישט פאַר דעם בית המקדש דאַרפסטו מורא האָבן, נאָר פון דער (באַשעפער) וואָס האָט אָנגעזאָגט צו זיין געוואָרנט אין כבוד פונעם בית המקדש (אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים). "ואין לי אלא בזמן שבית המקדש קיים", וויים איך נישט, נאָר אין די צייט ווען דער בית המקדש שטייט, "בזמן שאין בית המקדש קיים, מנלן?", פון וואו וויים איך אַז מ'דאַרף זיין געהיטן אין "מורא מקדש", אויך ווען דער בית המקדש שטייט נישט מער? ענטפערט די גמרא, ווייל דער פסוק זאָגט (ויקרא יט, ל) "את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו". היינט, בזמן חורבן הבית, דאַרפסטו זיין געוואָרנט אין קדושת בית הכנסת, וואָס איז אַ "בית מקדש מעט".

די יוונים האָבן געוואָלט פאַרטרייבן די הייליגע שכינה, אַז זי זאָל נישט רוהען צווישן די אידן. צוליב דעם האָבן זיי טמא געמאַכט די מנורה וואָס זאָגט עדות אַז די שכינה רוהט צווישן אידישע קינדער (שבת כב:).

**מיר** ווייסן (עי' "שפת אמת" פ' פרה, סוף שנת תרמ"א) אַז "הזמן מבקש תפקידו", יעדער זמן פאָדערט זיין אויפגאַבע. ממילא, פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער

---

- היינט איז אַריינגעקומען צו מיר אַ רייכער איד און געברענגט אַ נדבה פאַר די ישיבה, אויף די סומע פון 25 שטערלינג פונט (וואָס איז אין יענע צייטן, געווען אַ סאַך געלט),און מיר ווייסן דאָך אַז "מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה", און שוין דאַן איז נגזר געוואָרן וויפיל מ'זאָל פאַרדינען און וויפיל געלט מ'זאָל שאָדן האָבן ח"ו, נאָר וואָס דען, דער מענטש איז מחויב צו טוהן השתלדות, צו אַרבעטן פאַר פרנסה, כדי די ברכה און די שפע זאָל האָבן אויף וואָס חל צו זיין, אָבער זיכער טאָרן מיר נישט זאָגן אַז די פּירות זענען אַ רעזולטאַט פון די השתלדות, ווייל עס קומט נאָר פון הימל, וויפיל עס איז באַשטימט געוואָרן פון ראש השנה... קומט אויס, אַז דיין השתדלות פון נעכטן נאַכט צו גיין פון טיר צו טיר און בעטן נדבות פאַר די ישיבה, איז געווען דער גורם אַז דער עושר זאָל געשיקט ווערן פון הימל מיר צו ברענגען 25 פונקט. אויב אַזוי, דאַרף איך דיך באַדאַנקען פאַר דיין האָרעוואַניע וואָס דו האָסט נעכטן אַריינגעלייגט מיט מסירות נפש, ווייל נאָר אין דיין זכות, איז דער עושר געקומעןביישטייערן פאַר די ישיבה וואָס ער האָט בייגעשטייערט (געברענגט אין ספר "טעם ודעת", להגאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, ראב"ד ירושלים, ח"א, ע' רו).

הרה"ק רבי פייבוש ברעזשאנער זי"ע, שרייבט אין ספה"ק "שפת אמת" (פ' נח) אויף דעם וואָס מיר האָבן בקבלה אַז אליהו הנביא געפינט זיך "ביומא דשוקא" - אויף די מאַרקן וואו מענטשן האַנדלען (עי' תענית כב.). זאָגט דער "שפת אמת", ווייל מענטשן זענען דאָך פאַרנומען מיט פרנסה, און צוליב דעם קענען זיי נישט געהעריג מצמצם זיין די מחשבה צו גלייבן אין די השגחה פּרטית פונעם אויבערשטען, אויך אין די טבע פון דער וועלט. "על כן אליהו הולך בשוק, כדי לעורר לבות בני אדם על זה", וועגן דעם גייט אליהו ארום אויף די מאַרקן, כדי מעורר צו זיין די הערצער פון די מענטשן אין דעם ענין אַז נישט דער מענטש ברענגט די פּרנסה פאַר זיך, נאָר עס קומט פון דעם אויבערשטען.

האט אין די צייטן פון די חשמונאים איבערגעגעבן "טמאים ביד טהורים", און געהאלפן פארמערן טהרה ביי אידישע קינדער, אזוי דארפן מיר היינט אויך זעהן צו פארמערן טהרה, דורך דעם וואס מיר וועלן זיין א גורם אז די שכינה זאל רוהען צווישן אונז.

**דער** גאון בעל "נודע ביהודה" זצ"ל, האט אמאל, אין יום טוב חנוכה, גע'דרש'ענט (געדרוקט אין דרשות הצל"ח, דרוש לג) בזה הלשון: "ואם כן, בימים הללו ראוי ליתן לב לתקן כל הדברים הגורמים לשכינה שתסתלק מישראל, שזה היה כוונת היוונים". אויב אזוי, דארפן מיר אין די יעצטיגע טעג, אין אכט נעמען צו פארעכטן אלע זאכן וואס זענען גורם אז די שכינה זאל פארלאזן אידישע קינדער, וואס דאס איז געווען די כוונה פון די יוונים. ליידער בעוונותינו הרבים, צוליב אונזערע פילע זינד, איז אין די צייט פון גלות נישט דא קיין ארט פאר די שכינה צו רוהען, ווייל דער בית המקדש איז חרוב[יב]. נאר דער אויבערשטער האט, מיט זיין רחמנות, איבערגעלאזט פאר אונז, אן איבערבלייבעניש (וואו די שכינה זאל רוהען אויך אין צייט פון גלות), ווי דער פסוק זאגט (יחזקאל יא, טז) "ואהיה להם למקדש מעט", וואס די גמרא (מגילה כט.) דרש'ענט דעם פסוק אויף אויף די שולן. דארטן רוהט די שכינה אין צייט פון גלות[יג].

**דער** צל"ח שמועסט-אויס דארט דעם הארבן איסור צו רעדן אין שול בשעת'ן דאווענען. "עד שאין לך מורד במלכו של עולם בהיכלו ולפניו גדול מזה" - דו האסט נישט א גרעסערן ווידערשפעניגער אין דעם גרויסן קעניג פון דער וועלט, מער ווי דער מענטש וואס רעדט ביים דאווענען, אינעם היכל פונעם קעניג (דער באשעפער) און ממש פאר זיין פנים, כביכול. "והוא מטמא אויר הקדוש", און ער איז מטמא די הייליגע לופט. "דוגמת היוונים שטימאו את המזבח" - ענליך צו דעם ווי די יוונים האבן טמא געמאכט דעם מזבח. "כי בזה הוא כמעמיד צלם בהיכל" - ווייל מיט דעם (וואס ער רעדט בשעת מען דאווענט) איז ער ווי א מענטש וואס שטעלט אריין א צלם רח"ל אין באשעפער'ס היכל[יד].

**ספעציעל** זאגט דער זוהר הקדוש (פ' ויקהל, רה:) הארבע רייד, וועגן דעם הארבן ענין נישט צו רעדן בשעת די תפילות פון שב"ק.

---

**יב.** מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער גאון בעל "חתם סופר" זצ"ל (דרשות ח"ב, שט:): "הקדוש ברוך הוא ברחמיו וחסדיו השאיר לנו מקדש מעט" - דער אויבערשטער האט, מיט זיין גרויס רחמנות, איבערגעלאזט פאר אונז א "מקדש מעט", די שולן און בתי מדרשים. אויב מיר פירן זיך אויף אין זיי מיט א קדושה, וועלן זיי לעתיד לבוא אוועקגעשטעלט ווערן אין ארץ ישראל (זעה מגילה כט.), און זיי האבן אויך יעצט א קדושה פון ארץ ישראל, און די תפילות ווערן אריפגעשיקט צום טויער פון הימל. אויב אבער מיר פירן זיך נישט שיין אין די בתי מדרשים, און מ'רעדט אין זיי דברים בטלים, און די לופט וואס גייט ארויס פון מויל ווען מ'רעדט דברים בטלים, איז טמא, דאן קליידט זיך אן אין איהם (אין דעם "הבל" פון מענטשן'ס מויל) א 'שר' פון חוץ לארץ, און ער (דער שר) ווערט ליידער א 'בעל הבית' אין די שול רח"ל. דער שר נעמט אן די תפילות און ברענגט זיי אריין צו די קליפות רח"ל. און אזוי ווערט דער מענטש גערעכנט ווי איינער וואס דינט עבודה זרה ח"ו, עכ"ל.

**יג.** אויף אן אנדער ארט (דרוש כג, לשבת שובה), שרייבט דער צל"ח, אז דער מענטש וואס האט א שול אין זיין שטאט און גייט נישט אריין אין שול דאווענען, ווערט ער גערופן א 'שלעכטער שכן', און אפילו אויב מ'דאווענט מיט מנין אין א הויז (איז עס אויך נישט גוט), ווייל עס איז נישט גלייך די קדושה פון א שול וואס איז א "מקום מקדש", און דער באשעפער געפינט זיך דארט, און ווען דער מענטש גייט אריין אין א שול, ווערט דער יצר הרע אויסגעריסן פון זיין הארץ, און עס איז ענדליך צו די קדושה פון ארץ ישראל, וואס די תפילה גייט דארט ארויף אויפ'ן 'הויפט-וועג' ("במסילה העולה בית א-ל"), ווייל דער דאזיגער שר האט נישט די שליטה אויף א שול, אנדערש ווי ווען מ'דאווענט אינדערהיים, וואו עס פעלן אלע מעלות פון א שול.

**יד.** ב' ניסן תשכ"ו, האט אויסגעבראכן א פייער אין בית המדרש פון סקווערער רבי'ן, הרה"ק רבי יעקב יוסף זי"ע (דער סקווערער רבי איז נסתלק געווארן צוויי יאר שפעטער, ב' ניסן תשכ"ח). די גאנצע שול איז ליידער פארברענט געווארן אין פייער מיט'ן אויסנאם פונעם צימער וואו דער רבי פלעגט דאווענען. אויך דער דרויסנדיגער טייל פון די טיר פונעם צימער איז פארברענט געווארן (דער אינעווייניגסטער טייל, איז נישט פארברענט געווארן).

**דער** "כף החיים" (סי' קנא, ס"ח) איז עס מסביר, אַז עס איז בכלל נישט גליך די השראת השכינה אין שבת, צו די השראת השכינה אין די וואָכן-טעג. וואָס גרעסער עס איז די השראת השכינה אין שול, דאַרף מען זיין מער אָפּגעהיטן נישט צו רעדן ביים דאַווענען, און גרינגשעצן ח"ו אין דעם כבוד פון די הייליגע שכינה.

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער "דרך משה" (הנספח לספר הגן, ליום ט', איינגעטיילט לויט די טעג פון חודש), וואָס עס האָט מחבר געווען איינע פון די קדמונים. ער טייטשט די ווערטער פון די גמרא (ב"ק ס:) אַז עס איז דאָ אַ "דבר" (מגיפה) רח"ל אין שטאָט, זאָל מען נישט אַריינגיין אַליין אין שול, "שמלאך המות מפקיד שם כליו", ווייל דער מלאך המות לאָזט איבער דאָרט זיינע "כלים" רח"ל.

**שרייבט** דער "דרך משה", אַז דורך דעם וואָס מ'רעדט שיחות חולין בשעת'ן דאַווענען, איז מען גורם אַז דער מלאך המות זאָל קענען איבערלאָזן זיינע "כלים" רח"ל אין שול, און ברענגען מיתה אויף דער וועלט ח"ו. "דבר" איז פון לשון "דיבור". דאָס הייסט, אַז דער "דבר" (מגיפה) קומט אויף דער וועלט צוליב דעם וואָס מ'רעדט דברים בטלים אין די שולן, און וועגן דעם שטייט וועגן איינעם וואָס רעדט אין שול ("שערי תשובה" לרבינו יונה, הובא במחבר או"ח סי' קכד ס"ז) דער שאַרפער אויסדרוק "גדול עוונו מנשוא", זיין זינד איז צו-גרויס עס צו קענען טראָגן. דאָס איז אַ לשון וואָס מ'געפינט נישט ביי אַן אַנדערע עבירה אין דער תורה. דאָס איז דערפאַר ווייל דער מענטש וואָס רעדט ביים דאַווענען, ברענגט אַ מגיפה רח"ל, וואָס דערמיט איז ער ווי אַ שופך דמים ח"ו, אַזוי ווי קין, וואָס ער האָט אַליין

---

אין זעלבן טאָג, האָט דער באַיאַנער רבי, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זי"ע, וועלכער איז געווען אַ נאָנטער ידיד מיט'ן סקווערער רבי'ן, גערעדט מיט'ן סקווערער רבי'ן, פּרובירנדיג איהם צו טרייסטן אויפ'ן פאַרלוסט פון די שול. אינמיטן שמועס, האָט דער באַיאַנער רבי געפרעגט צו אויך דער צימער וואו עס דאַוונט דער סקווערער רבי, איז געשעדיגט געוואָרן. האָט דער סקווערער רבי געענטפערט: "ניין, אונזער צימער איז געבליבן גאַנץ". און ער האָט תיכף צוגעגעבן: "דאָרט (אינעם צימער) האָט מען דאָך נישט גערעדט אינמיטן דאַווענען...".

דער אליהו רבה (סי' קכד, סקי"ב) שרייבט: "אוי להם שמשיחין בעת התפלה" - וויי איז צו די מענטשן וואָס רעדן אינמיטן דאַווענען. "כי ראינו כמה בתי כנסיות נחרבו בשביל עון זה", ווייל מיר האָבן געזעהן ווי אַ סאַך שולן זענען חרוב געוואָרן צוליב די דאָזיגע עבירה, עכ"ל.

אַ יונגערמאַן וואָס האָט אַ סאַך יאָרן נאָך זיין חתונה נישט זוכה געווען צו קינדער, טראָץ אַלע זיינע השתדלות'ן, האָט זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר זיין רבי'ן, צוגעבנדיג, אַז ער קען מער נישט איבערטראָגן דעם צער פון זיין קינדערלאָז רח"ל. האָט זיין רבי איהם געזאָגט:

- איך ווייס אַז דו ביזט געקומען צו מיר נאָר דערפאַר ווייל איך בין דיין רבי. איך וויל דיך אָבער פרעגן איין שאלה: אויב איך וועל דיר זאָגן וועגן אַ צדיק וואָס אַלע זיינע ברכות ווערן מקוים, וועסטו גיין צו איהם נאָך אַ ברכה?...

האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, "אַוודאי, וועל איך גיין בעטן ביי איהם אַ ברכה". האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- מיר האָבן אַ פאַרזיכערונג, וואָס עס האָט אונז געגעבן אַ צדיק אמת אין די פריערדיגע דורות, דער גאון בעל 'תוספות יום טוב' זצ"ל, וועלכער האָט צוגעזאָגט, אַז דער מענטש וואָס היט זיין מויל און זיין צונג נישט צו רעדן בשעת'ן דאַווענען אין שול, איז זוכה צו געזונטע לעבעדיגע קינדער.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער יונגערמאַן האָט געטוהן אַזוי ווי דער רבי האָט איהם געזאָגט. ער האָט גענומען אויף זיך נישט צו רעדן ביים דאַווענען, און ער האָט טאַקע אָנגעהאַלטן זיין קבלה, און ביז אַ יאָר, איז געבוירן געוואָרן ביי איהם אַ צווילינג למזל טוב.

שפּעטער, האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, אַז ער האָט מיטגעמאַכט פאַרשידענע "באַהאַנדלונגען", אָבער די דאָזיגע "באַהאַנדלונג" - נישט צו רעדן ביים דאַווענען - איז געווען דער שווערסטער "טיפּול"... נישט אומזיסט, באַמיט זיך דער יצר הרע אַזוי שטאַרק צו שטרויכלען די מענטשן צו שמועסן אינמיטן דאַווענען, ווייל תפלה איז דאָך פון די "דברים העומדים ברומו של עולם" (זעה ברכות ו:).

געזאָגט וועגן זיך נאָך דעם ווי ער האָט גע'הרג'עט זיין ברודער, הבל, "גדול עוני מנשוא" (בראשית ד, יג). דאָס זעלבע איז איינער וואָס רעדט ביים דאַווענען, איז ווי אַ מערדער רח"ל[טו].

---

**טו.** אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, אויב מ'מעג אָנשרייען אַן עלטערן איד וואָס רעדט ביים דאַווענען. האָט רבי שלמה זלמן געענטפערט:

- און אויב דו וועסט זעהן ווי אַן עלטערער איד גרייט זיך צו הרג'ענען אַ צווייטן ח"ו, וועסטו אויך דעמאָלס קומען פרעגן אַ שאלה אויב דו ביזט מחויב עפּעס צו טוהן?!

לאַנגע יאָרן איידער דער מהרש"א זצ"ל איז געוואָרן רב אין אוסטראָ, האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקליכע מגיפה רח"ל אין שטאָט, און טאָג טעגלעך זענען געשטאָרבן יונגע און אַלטע מענטשן רח"ל. זעהענדיג אַז "עת צרה היא ליעקב", האָט דער רב פון שטאָט (איינער פון די גדולי הדור אין יענע צייט) צוזאַמענגערופן אַלע אידן פון שטאָט אין שול צו פאַסטן, און מתפלל זיין צום באַשעפער ער זאָל בטל מאַכן די שרעקליכע גזירה. גלייכצייטיג דערמיט, האָט דער רב אויך אויפגעפאָדערט יעדן איינעם וואָס ווייסט וועגן עמיצן פון די שטאָט-לייט וואָס האָט געטוהן אַן עוולה, וואָס ס'איז מעגליך אַז צוליב דעם איז געקומען די צרה אויף דער שטאָט, אַז מ'זאָל קומען איהם זאָגן, כדי ער זאָל קענען פאַררעכטן אַלעס וואָס דאַרף אַ תיקון, און האָפענטליך, אַזוי וועט דער חרון אף זיך אָפּטוהן פון דער שטאָט.

יענעם אָוונט, זענען אַריינגעקומען צוויי אידן צום רב, און האָבן איהם דערציילט אַז אַ איד וואָס זיצט נעבן זיי אין שול, האָט לעצטנס אויפגעהערט קומען צום דאַווענען, און ווען זיי האָבן איהם נאָכגעקוקט, האָבן זיי אין אַכט גענומען אַז יעדע נאַכט ביי חצות, פאַרלאָזט ער זיין הויז און גייט מיט אַ ליכטל אַליין אינעם דערנעבענדיגן וואַלד. זיי האָבן צוגעגעבן, אַז מסתמא טוט ער דאָרט פאַרשידענע נישט-שיינע מעשים, און ווער ווייסט אויב נישט צוליב איהם ליידן אַלע מענטשן פון שטאָט... דער רב האָט זיי וואַרים באַדאַנקט פאַר זייער "אינפאָרמאַציע", אָבער ער האָט זיי געזאָגט, אַז דערווייל האָט דער איד נאָך אַ "חזקת כשרות", ביז די זאַך וועט קלאָר ווערן. דערווייל איז עס נאָר אַ ספק, וואָס "למיחש מיבעי" - אַוודאי דאַרף מען חושש זיין דערויף, און מ'דאַרף מברר זיין די מעשים פון דעם איד ביז'ן סוף. ער האָט זיי געזאָגט, אַז די קומענדיגע נאַכט, ווען זיי וועלן הערן אַ טומל אין שטוב פון דעם איד (וואָס וועט באַדייטן אַז ער וועט זיך גרייטן צו גיין אין וואַלד אַריין), זאָלן זיי איהם קומען רופן, און ער וועט נאָכגיין דעם איד אין וואַלד אַריין, צוזאַמען מיט זיי.

כך הוה, אינמיטן נאַכט, ווען די צוויי אידן האָבן געזעהן אַז דער "פאַרדעכטיגטער" איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און ער גרייט זיך צו גיין אין וואַלד אַריין, זענען זיי שנעל געקומען רופן דעם מרא דאתרא, און אַלע דריי - דער רב, און די צוויי אידן - זענען נאָכגעגאַנגען דעם איד אין וואַלד אַריין אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. גייענדיג, האָבן די צוויי אידן מורא באַקומען און האָבן נישט געוואָלט ווייטער גיין, און געבעטן דעם רב ער זאָל זיי ערלויבן צוריקצוגיין אַהיים... דער רב האָט זיי אָבער שאַרף אויסגעזידלט, היתכן זיי טראַכטן נאָר וועגן זייער אייגן לעבן, אין דער צייט ווען דאָס לעבן פון אַלע שטאָט לייט איז אין אַ שרעקליכע געפאַר, און היתכן זיי זענען נישט גרייט צו האָבן מסירות נפש פאַר זייערע ברידער, זיי צו ראַטעווען און אויסלייזן זיי פון דער שרעקליכע מגיפה, צו זעהן פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי שטאַרק געשטראָפט די שטאָט לייט מיט אַ שרעקליכע מגיפה רח"ל. די צוויי אידן האָבן זיך טאַקע געשטאַרקט און האָבן פאָרגעזעצט צו באַגלייטן דעם רב, נאָכגייענדיג יענעם איד.

ווען דער איד האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ געוויסן אָרט, זענען אויך זיי - דער רב און זיינע צוויי באַגלייטער - געבליבן שטיין, כדי צו זעהן וואָס דער איד וועט דאָ טוהן... פּלוצלינג האָבן זיי געהערט ווי דער "פאַרדעכטיגטער" פאַנגט אָן זאָגן "תיקון חצות" מיט שרעקליכע בכיות און קלאָגרייען אויפ'ן חורבן בית המקדש, און צו זייער גרויסן וואונדער, האָבן זיי אויך געהערט נאָך אַ קול וואָס קומט אַרויס צוזאַמען מיט איהם מיט אַ גרויס געוויין. אַזוי איז ער געזעסן און געוויינט אַ לענגערע צייט, און דערנאָך האָט ער פאַרלאָזט דעם וואַלד אויפן וועג צוריק אַהיים.

אַרויסקומענדיג פון וואַלד, האָט דער רב אָפּגעשטעלט דעם איד, און איהם דערציילט דעם סוד אַז ער האָט איהם נאָכגעקוקט און ער איז איהם נאָכגעגאַנגען ווייל ער האָט איהם חושד געווען אומזיסט, אָבער יעצט האָט ער אויסגעפונען אַז ער איז גאָר אַ "צדיק נסתר"... ער וויל אָבער וויסן ווער עס איז געווען דאָס קול וואָס האָט מיטגעוויינט מיט איהם... לכתחילה, האָט דער צדיק נסתר נישט געוואָלט אַנטפּלעקן פאַר'ן רב ווער יענער איז

געוועןֿ, אָבער דער רב האָט גוזר געווען אויף איהם, "בגזירת מרא דאתרא", און בלית ברירה, האָט ער איהם דערציילט, אַז דאָס איז געווען דאָס קול פון ירמיה הנביא, ווייל ער (דער צדיק נסתר) ריכט דאָ אָפּ "תיקון חצות" שוין אַ לענגערע צייט, און דאָס איז גורם אַ גרויסן נחת רוח אין הימל, ביז מ'האָט באַשלאָסן צו שיקן צו איהם ירמיה הנביא וואָס ער איז געווען דער גרויסער מקונן אויפ'ן חורבן הבית, אַז ער זאָל צוזאַמען מיט איהם וויינען און קלאָגן אויף חורבן בית מקדשינו ותפארתינו.

ווען דער רב האָט געהערט זיינע ווערטער, האָט ער זיך גענומען בעטן ביי איהם ער זאָל פועל'ן בטל צו מאַכן די ביטערע גזירה פון דער שטאָט, ווייל ער (דער רב) זעהט דאָך אַז ער האָט דאָ צו טוהן מיט אַ באַהאַלטענעם צדיק, און דעריבער זאָל ער פרעגן ביי ירמיה הנביא פאַרוואָס די שטאָט ליידט אַזוי. האָט דער צדיק נסתר געענטפערט פאַר'ן רב, אַז מאָרגן וועט ער קומען אין שול אַריין, און דאָרט וועט ער זיי אַנטפּלעקן די סיבה פון די צרה.

דעם רב'ס צוויי באַגלייטער האָבן באַלד מודיע געווען פאַר אַלע שטאָט-לייט, אויפ'ן באַפעל פונעם מרא דאתרא, אַז יעדער איינער זאָל קומען מאָרגן אין אַ באַשטימטע שעה, אין שול אַריין, און דאָרט וועט מען הערן די סיבה פון די שרעקליכע גזירה וואָס שוועבט אויף די שטאָט, און וואָס מ'קען טוהן עס בטל צו מאַכן.

צומאָרגנס האָבן טאַקע אַלע אידן פון אוסטראהה זיך פאַרזאַמלט אין שול, אָבער דער צדיק נסתר האָט זיך פאַרזוימט צו קומען, און דער רב האָט באַפוילן אָנצוהייבן דערווייל מיט זאָגן "פּסוקי דזמרה". אַ קורצע צייט שפּעטער, איז דער צדיק נסתר אַריינגעקומען אָנגעטוהן אין טלית און תפילין. פילע פון די מתפּללים האָבן גע'חלש'ט אויפ'ן אָרט דערזעהענדיג דעם איד, פון גרויס פחד. ווען דער רב האָט געפרעגט דעם צדיק נסתר נאָכ'ן דאַווענען, פאַרוואָס די מענטשן האָבן גע'חלש'ט, האָט ער געענטפערט, "איך בין דאָך געווען אָנגעטוהן אין די תפילין, און דער פסוק זאָגט (דברים כח, י) 'וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך, ויראו ממך'....". האָט דער רב זיך געוואונדערט אויף זיין ענטפער, ווייל אויך די אַנדערע אידן אין שול זענען געווען אָנגעטוהן אין זייערע תפילין... "אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן בלויז אייערע תפילין געוואָרפן אַזאַ פחד?...".

האָט דער צדיק נסתר געענטפערט, אַז דער פסוק "ויראו ממך" איז געזאָגט געוואָרן אויף איינעם וואָס היט זיך פון אַ היסח הדעת אין די תפילין, און נישט צו רעדן אַ שיחה בטילה מיט די תפילין. ער האָט צוגעגעבן: "וויסן זאָלט איר, אַז די שטאָט-לייט דאַרפן מער אָפּהיטן דעם כבוד פון בית הכנסת, און נישט רעדן דאָרט קיין דברים בטלים, בפרט בשעת'ן דאַווענען, און דאָס איז די סיבה פאַר די מגיפה רח"ל וואָס האָט באַפאַלן די שטאָט, ווייל מ'רעדט אינמיטן דאַווענען אָן קיין מורא פאַר'ן באַשעפער". ער האָט צוגעגעבן, אַז טאַקע דערפאַר האָט ער לעצטנס אויפגעהערט צו קומען אין שול צום דאַווענען, אָבער אויב מ'וועט מקבל זיין אויף זיך פון היינט און ווייטער נישט צו רעדן ביים דאַווענען, וועט מען מער נישט וויסן פון קיין צער און נזק ח"ו. וכך הוה, מ'האָט איינגעפירט שטרענגע תקנות נישט צו רעדן אין שול, און די מגיפה האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַ צייט שפּעטער, האָט מען אויפגעהאָנגען אַ טאוועל אויף דער וואַנט פון דער שול, וואו ס'איז געווען אויפגעשריבן די גאַנצע געשיכטע, פאַר די קומענדיגע דורות צו וויסן די האַרבקייט פון רעדן ביים דאַווענען, און אַז די שטאָט איז געראַטעוועט געוואָרן פון די מגיפה דורך דעם וואָס די מענטשן פון שטאָט האָבן גענומען אויף זיך מער נישט צו רעדן אין שול דברים בטלים, באַזונדערס בשעת התפילה. יעדעס מאָל ווען עס איז געקומען אַ גאַסט אין שטאָט, און האָט גערעדט ביים דאַווענען נישט וויסנדיג פון די גרויסע קפידא נישט צו רעדן אין שול, האָבן די מתפּללים איהם צוגעפירט צו דעם טאוועל וואו די גאַנצע מעשה איז געווען אויפגעשריבן, אָן דעם וואָס זיי זאָלן אַפילו דאַרפן אויסרעדן אינמיטן דאַווענען איהם אויפמערקזאַם צו מאַכן דערוועגן...

אַ חשוב'ער יונגערמאַן פון אונזער חבריא, איז ליידער געוואָרן שטאַרק נישט געזונט ל"ע, און אינמיטן זומער פון יאָר תשע"ט איז ער אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל דורכצוגיין "טריטמענטס" רח"ל אין לויף פון זעכציג טעג, און דער דאָקטאָר האָט צוגעגעבן, אַז דערנאָך וועט ער דאַרפן אַדורכגיין אַ שווערע אָפּעראַציע ה' ירחם. שבת נחמו תשע"ט, האָבן די אָנוועזנדע ביי 'שלש סעודות' גענומען אויף זיך אַ קבלה טובה נישט צו רעדן בשעת'ן דאַווענען אין משך פון פערציג טעג, און די 'קבלה' האָט גע'פועל'ט תיכף ומיד, ווייל צומאָרגנס, זונטאָג, י"ז מנחם אב, האָט דער דאָקטאָר געמאָלדן פאַר דעם יונגערמאַן אַז ער שטעלט אָפּ אַלע באַהאַנדלונגען, און צוויי טעג שפּעטער, דינסטאָג, איז דער יונגערמאַן אַהיים געשיקט געוואָרן פון שפּיטאָל, ריין פון יעדן סימן פון די מחלה, און ער האָט בכלל נישט געדאַרפט אַריבערגיין די אָפּעראַציע...!

**אויב** איינער וועט פרובירן זאָגן, אַז דאָס זיך היטן פון רעדן ביים דאַווענען, איז אַ "גזירה שאין רוב הציבור יכולים לעמוד בה", דער רוב פונעם ציבור קען פשוט נישט ביישטיין דעם נסיון נישט צו רעדן אפילו אַ וואָרט בשעת מ'דאַווענט, האָט איינער פון די גדולי הדור שוין געזאָגט אויף דעם, נו, און די צרות ל"ע (וואָס קומען צוליב דעם וואָס מ'רעדט ביים דאַווענען) וואָס מיר הערן טאָג-טעגליך, זענען דען יאָ "גזירות שהציבור יכולים לעמוד בה"? נאָר וואָס דען? אויב מ'שטאַרקט זיך נישט צו רעדן אפילו אַ וואָרט ביים דאַווענען, קען מען ביישטיין און די גזירות וועלן בטל ווערן, יעדע קראַנקהייט און ווייטאָג וועט זיך אָפּטוהן פון אידישע קינדער, און אַלע ביטערע און שווערע גזירות וועלן איבערגעדרייט ווערן צום גוטן.

**אַלע** ספרים רעדן אַרום פון די האַרבע עבירה פון רעדן אין שול ביים דאַווענען. מיר ווילן דאָ נאָר אַראָפּברענגען אַביסל פון גאָר אַ סאַך, "ישמע חכם ויוסיף לקח".

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער "עבודת ישראל" (אבות פ"ה) אַז דער מענטש וואָס רעדט ביים דאַווענען, איז גורם אַז דער אויבערשטער זאָל נישט אָננעמען די תפילות פון "אַלע מתפללים" אין יענע שול, און אַזוי איז ער אַ "מזיק" וואָס איז גורם אַ שרעקליכן שאָדן ח"ו פאַר אַנדערע מענטשן.

**דער** קאָזשניצער מגיד זי"ע, טייטשט דאָרט די משנה "ולא ניצחה הרוח את עמוד העשן", דער ווינט האָט קיינמאָל נישט "באַזיגט" דעם רויך פון דעם מזבח,

---

דער דעברעצינער רבי, הגאון רבי משה שטערן זצ"ל, האָט דערציילט, אַז אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, ווען ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ מיט טויזנטער אַנדערע אידן, האָבן די נאַציס ימ"ש דורכגעפירט זייער טרויעריג באַרימטע "סעלעקציע", שיקנדיג טייל פון די אָנקומענדיגע אידן "רעכטס" (צו די אַרבעט), און די איבעריגע (דער גרעסטער טייל פון זיי, אַממערסטן פרויען און קליינע קינדער) זענען געשיקט געוואָרן "לינקס", צום אומקום אין קרעמאַטאָריע, הי"ד. דאַן איז פלוצים ערשינען אַ פרוי אָנגעטוהן אין ווייסע קליידער, און געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, "פאַרוואָס האָט איר נישט אָפּגעהיטן 'מורא מקדש', נישט צו רעדן אינמיטן דאַווענען?...".

דער דעברעצינער רב ברענגט אויך אין זיין ספר שאלות ותשובות "באר משה" (ח"ז, סוף סי' קח) אַ מעשה וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט, און ער גיט-צו, אַז ווען ער דערמאנט זיך נאָר פון די מעשה, ציטערן אַלע זיינע ביינער און גלידער. אַמאָל האָט זיין טאַטע, הגה"צ רבי אברהם שטערן זצ"ל הי"ד (וועלכער איז אומגעקומען עקה"ש דורך די דייטשע רשעים ימ"ש כ"ו סיון תש"ד), געהאַלטן אַ דרשה אין שול וועגן דעם ענין פון ענטפערן "אמן", און "אמן יהא שמיה רבא". ער האָט דערמאנט די מליצה פון הייליגן רמ"ק זי"ע, אַז שיב"ה ראשי תיבות שת'יקה י'פה ב'שעת ה'תפילה, און אַז דער מענטש וואָס איז נזהר צו ענטפערן "אמן" און "אמן יהא שמיה רבא", איז זוכה צו אַ שיבה טובה, אַ גוטע עלטער. ער האָט צוגעגעבן, אַז "מכלל לאו אתה שומע הן" (נאָר ער וויל נישט אַרויסזאָגן מיט'ן מויל דאָס פאַרקערט ח"ו)...

צומאָרגנס האָט איינער פון די אידן וואָס האָבן געהערט דעם רב'ס דרשה, דערציילט, אַז יענע נאַכט האָט ער געזעהן אין חלום ווי ער שטייט פאַר'ן בית דין של מעלה, און ער איז נתחייב געוואָרן (כאָטש ער האָט געשפּירט אַז עס איז אַ חלום, האָט ער פאַרשטאַנען דערפון אַז מ'וויל איהם איבערלאָזן דאָרט און אַז ער זאָל נישט אויפשטיין פון שלאָף ח"ו), און ער האָט זיך געבעטן ביים בית דין של מעלה, אַז ער איז נאָך נישט אָנגעקומען צום גדר פון "שיבה". פאַרוואָס קומט איהם אַזאַ שטראָף? האָט ער געפרעגט. האָט מען איהם געענטפערט, אַז ער האָט גערעדט אינמיטן דאַווענען, און נישט געענטפערט "אמן", און "אמן יהא שמיה רבא" ווי געהעריג. האָט דער איד געזאָגט פאַר'ן בית דין של מעלה, אַז ער האָט נישט געוואוסט די האַרבקייט דערפון. האָט איינער פון די דיינים ביים בית דין של מעלה איהם אָנגעשריגן: ווי אַזוי זאָגסטו אַז דו האָסט נישט געוואוסט דערפון, דיין רב האָט דאָך ערשט דעם שבת גע'דרש'ענט וועגן דעם ענין, און ער האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רבי משה קורדובארו זי"ע, אַז דער מענטש וואָס שווייגט אין שול און ענטפערט "אמן" און "אמן יהא שמיה רבא" איז זוכה צו אַ שיבה טובה, און "מכלל לאו אתה שומע הן"... דו אַליין ביזט געוועזן אָנוועזנד ביים רב'ס דרשה, איז ווי קענסטו זאָגן אַז דו האָסט נישט געוואוסט די האַרבקייט פון די זאַך?... האָט דער איד צוגעזאָגט פאַר'ן בית דין של מעלה אַז ער וועט לאָזן וויסן אַלע שטאָט-לייט וועגן זיין חלום, און ער וועט זיי אָנוואָרענען זיך צו היטן נישט צו רעדן ביים דאַווענען, און דאַן איז ער אַרויס "זכאי בדין" ביים בית דין של מעלה, "ויהי לחרדת אלקים", עכ"ל.

וואו מ'האָט מקריב געווען די קרבנות. זאָגט דער קאָזשניצער מגיד, מיר ווייסן דאָך אַז דער בית המקדש של מטה, דאָ אויף דער וועלט, איז מכוון אַנטקעגן דעם בית המקדש של מעלה, און ווען דער רויך (פון מזבח וואו מ'איז מקריב די קרבנות) גייט אַרויף צום בית המקדש של מעלה, ווערט עס אָנגענומען לרצון פאַר דעם באַשעפער ב"ה, און פון דעם קומט די שפע אויף אַלע וועלטן. אָבער אויב דער ווינט וואָלט פאַרטריבן דעם רויך, וואָלט עס נישט אַרויפגעגאַנגען אויבן אין הימל (און דאָס איז געווען דער נס, אַז דער ווינט האָט קיינמאָל נישט באַזיגט דעם רויך).

**זאָגט** דער מגיד ווייטער, דער נביא זאָגט (יחזקאל יא, טז) "ואהי להם למקדש מעט", און די גמרא דרש'ענט (מגילה כט.) אַז דאָס גייט אַרויף אויף די שולן און בתי מדרשים אין בבל, וואָס זענען אין דער בחינה פון אַ "מקדש מעט". לויט דעם קומט אויס, אַז יעדע שול וואו אידן דאַווענען און לערנען אויף דער וועלט, איז מכוון אַנטקעגן אַ שול און בית המדרש אויבן אין הימל, און די תפילות וואָס מ'דאַווענט דאָ אין אַ שול, גייען אַרויף צו די שולן אין הימל. וועגן דעם דאַרף מען זיין שטאַרק געוואָרנט נישט צו רעדן אין שול בשעת'ן דאַווענען, אַפילו אַ "דיבור קל", אויסער די תפילה, ווייל ווען מ'רעדט אין שול דברים בטלים, איז דאָס גלייך ווי עמיצער רעדט צום קעניג, און אינמיטן שמועס, דרייט ער אַוועק זיין קאָפּ פונעם קעניג, און ער זאָגט איהם, "אדוני המלך, איך וויל נישט רעדן מיט דיר, איך וועל דיר נאָר זאָגן וואָס איך דאַרף האָבן...". מיט דעם פאַרטרייבט מען חלילה די "פנים" פון די הייליגע שכינה ח"ו, און דורך דעם איז מען גורם אַז אויך די אַנדערע אידן אין שול וואָס זענען יאָ מתפלל בכוונה, ווערט זייער תפילה נישט אָנגענומען ח"ו. און אַוודאי געוויס אַז מ'טאָר נישט רעדן בשעת חזרת הש"ץ, און ביי קריאת התורה, וואָס דאַן דאַרף מען אויסהערן דאָס לייענען, ווייל דער שליח ציבור (וואָס לייענט אין דער תורה) איז ענליך צו משה רבינו ע"ה, וואָס ער איז געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני און געלאָזט הערן דעם אויבערשטען'ס ווערטער צו די אידן, עכל"ק.

**פון** דער צווייטער זייט, ברענגט דער "דרך משה" (דאָרט), אַז "מדה טובה מרובה", דער מענטש וואָס שווייגט פון צו רעדן דברי חול ביים דאַווענען, איז זוכה צו אריכות ימים ושנים, ווייל די ראשי תיבות פון וואָרט "שיבה" זענען, ש'תיקה י'פה ב'שעת ה'תפלה.

**דער** "דרך משה" פירט אויס: "וגדול כח התשובה, שיזכה לעצמו ומזכה לאחרים עמו", און עס איז גרויס דער כח פון תשובה, אַז ער (דער מענטש וואָס טוט תשובה אויף זיינע עבירות) איז גורם אַ זכות זיך און אַנדערע צוזאַמען מיט זיך (דאָס הייסט, דורך דעם וואָס ער איז מעורר אַנדערע מענטשן נישט צו רעדן ביים דאַווענען), און די זדונות ווערן איבערגעדרייט צו זכויות, און עס ווערן באַשאַפן פאַר ענק גוטע דערבאַרימדיגע מלאכים, "ותגרמו חיים לכם ולבניכם אחריכם בטוב ובנעימים אמן", און איר וועט גורם זיין לעבן פאַר זיך, און פאַר אייערע קינדער נאָך אייך, מיט אַלעם גוטן, אמן.

**דער** "ווי העמודים" (פ"י) שרייבט: עס זאָל זיך אַראָפּלערנען יעדער מאַן און פרוי וואָס זיצן אין שול, אַז מ'טאָר נישט רעדן אַ שיחה בטילה, און אַוודאי בשעת'ן דאַווענען אָדער בשעת קריאת התורה, נישט צו רעדן חולין'דיגע ווערטער. ליידער, בעוונותינו הרבים, איז דאָס אַ נכשל וואָס מ'קען ליידער אין קיין שטאָט נישט מוחה זיין אויף די מענטשן וואָס רעדן ביים דאַווענען, און בעוה"ר ווערט עס ווי אַ היתר, ווי איז פאַר זיי, און ווי איז פאַר זייערע נשמות, און ווי אַזוי קענען זייערע תפילות אַרויפגיין אין הימל, אויב עס איז פאַרשמירט מיט פאַרשידענע סאָרט שמוץ, און די חז"ל זאָגן "אין קטיגור נעשה סניגור" (ר"ה כו.). דעריבער איז כדאי אַז יעדע קהילה זאָל אַוועקשטעלן ספּעציעלע ממונים אויף דעם ענין, אַכטונג צו געבן און אַפילו וואָרענען די מענטשן וואָס רעדן ביים דאַווענען, און אַפילו זיי צו פאַרשעמען ברבים, און מיט דעם ווערט אויפגעהויבן דעם אויבערשטען'ס כבוד אויף דער וועלט. "וכל העם ישמעו ויראו, ולא יזידון עוד", און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל הערן און מורא האָבן, און מער נישט זינדיגן, און זיי וועלן לייגן אַ "שלאָס" אויף זייער מויל זיך איינצוהאַלטן פון רעדן אין שול דברים של חול און אַ שיחה בטילה, עכ"ל.

**דער** גאון רבי אברהם הלוי זצ"ל (פאָטער פונעם של"ה הקדוש זצ"ל), שרייבט אין זיינע הגהות אויפ'ן ספר "יש נוחלין" (פרק אזהרות התפילה, אות יב), "והאלקים" (אַ לשון שבועה), ביי אַלע עבירות האָב איך נישט געזעהן אַזאַ שלעכטס ווי ביי די עבירה, ווייל וואָס פאַרדינט

דען דער "בעל הלשון", וואָס רעדט אין שול? ביי די אַנדערע עבירות וואָס דער מענטש זינדיגט מיט זיין גוף, אַזוי ווי גזל, און עריות, און מאכלות אסורות און דאָס גלייכן, שטאַרקט זיך אויף איהם זיין יצר הרע און ער מאַכט איהם צומאָל זינדיגן, ווייל דער נפש פונעם מענטש גליסט צו טוהן די עבירות, אָבער ביי דעם זינד (רעדן ביים דאַווענען) שטאַרקט זיך נישט דער יצר הרע אַזוי אויף איהם ,נאָר ער טוט מיט זיין אייגענעם ווילן ווידערשפּעניגן אין זיין האַר (דעם באשעפער ב"ה).

**שרייבט** ער, נאָך מער, ביי די עבירה פון רעדן ביים דאַווענען, איז ער בהכרח אַ "חוטא" וואָס מאַכט אויך אַנדערע מענטשן זינדיגן, ווייל עס ווערט נישט געטוהן אַליין, נאָר מיט אַמווייניגסטענס צוויי מענטשן, און אויב אַזוי, איז "חטא הרבים תלוי בו", ער איז גורם אַז אַ סאַך מענטשן זאָלן זינדיגן ח"ו. "והיותר מר לי מר", און דאָס ביטערסטע פאַר מיר איז, "שהוא מזלזל בכבודו יתברך ויתעלה בפרהסיא, בתוך קהל ועדה", אַז ער (דער מענטש וואָס רעדט ביים דאַווענען), איז מזלזל אין דעם כבוד פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, ברבים, צווישן אַ קהל און אַן עדה. און נאָך דערצו אין די צייט וואָס איז מיוחד ספּעציעל צו דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען, עכ"ל.

"מדה טובה מרובה"! דורך דעם וואָס מיר וועלן זיין געוואָרנט נישט צו רעדן אין שול בשעת'ן דאַווענען, וועט מען אונז געבן פון הימל לאַנגע געזונטע יאָרן, און זרע של קיימא, "זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא", בבריות גופא ונהורא מעליא, אמן כן יהי רצון לנו ולכל ישראל, אמן.